STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10235

ZUN DURKH VOLKNS

Miryam Raines-Meltser

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרים רייִנעס-מעלצער

*

זון דורך וואָלקנס

מרים ריינעס-מעלצער

פאַרלאַג „המנורה", תל־אביב

תשכ"ו — 1966

MIRIAM RAINES-METZER

SUN DURCH WOLKNS

מרים ריינעס־מעלצער / זון דורך וואָלקנס

צייכנער: חיים גראָס

פאַרלאַג „המנורה", רח' זנגביל 24, תל־אביב, ישראל
„Hamenora" Publishing House
24, Zangwill St. Tel-Aviv, Israel

נדפס בישראל, תשכ"ו
Printed in Israel, 1966

CHAVER SIMON JAFFE
MEMORIAL LIBRARY
29 NISAN 5755

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

בית נשיא המדינה
ירושלים

ירושלים, ט' כסלו תשכ"ב, 17 נאָוועמבער 1961.*

צו מרים מעלצער!
אונזער דיכטערין-משוררת!
וואָס זינגט אונדז שיין אין מאַמע-לשון!
וואָס קלינגט אין מיינע אויערן ווי פסוקים פון תנ"ך!
מה מאד הייתי רוצה לקבל את פניך בבית הנשיא בירושלים.

בברכה רבה
רחל ינאית-בן צבי

---

* דער בריוו איז אַן ענטפער פון פרוי רחל בן־צבי אויף דעם אַריינגעשיקטן בוך „צום קוואַל״ פון מרים רײנעס־מעלצער.

געווידמעט

מיין ליבן חבר און לעבנס־באַגלייטער

לייזער (אליעזר) מעלצער

CHAVER SIMON JAFFE
MEMORIAL LIBRARY
29 NISAN 5755

הקדמה

דאָס דאָזיקע בוך, ווי דאָס פריערדיקע, איז געווידמעט מיין יוגנט־חבר און לעבנס־באַגלייטער אליעזר (לייזער) מעלצער. צוזאַמען האָבן מיר איבערגעלעבט גוטע און שלעכטע צייטן, פערזענלעכע פריידן און טראַגעדיעס, רעוואָלוציע, שוידערלעכע פּאָגראָמען, די אויסראָטונג פון די זעקס מיליאָן יידן דורך היטלער ימ"ש; און אין דער זעלבער צייט — די פרייד פון דער גרינדונג פון אַ יידישער מלוכה.

די אַלע איבערלעבונגען און סענטימענטן האָבן אויפגעלעבט ווען מיר זענען געווען אין משך פון אַ לענגערער צייט נאָך דער מלחמה אין אייראָפּע, צוגעזען דעם גרויסן יידישן חורבן דאָרטן, געזען די רעשטלעך פון די קרעמאַטאָריעס, די נומערירטע הענט, וואָס האָבן געזוכט זיך ווידער אָנצוהענגען אָן לעבן; און גלייך נאָך דער גרינדונג פון דער מלוכה — געזען די קברים פון די קעמפער פאַר יידישער פרייהייט, געזען יידן מיט נומערירטע אָרעמס העלפן בויען דאָס אויסגעבענקטע לאַנד. מיר האָבן שפּעטער נאָך עטלעכע מאָל באַזוכט מדינת ישראל און געזען ווי דאָס כמעט חרובע לאַנד וואַקסט און בליט. די פריידיקע דערשיינונגען, געמישט מיט טרויעריקע עפּיזאָדן, האָבן מיך אינספּירירט אַרויסצוגעבן מיינע צוויי ביכער.

זאָל אונדזער פרייד פון דער ניי־אויפגעבויטער יידישער מדינה ניט פאַרשטערט ווערן.

מרים ריינעס־מעלצער

ישראל

מדינת ישראל

איך האָב דעם זוים פון דיינע ברעגן לאַנד
געקושט, און מיט די טראָפּנס פריידן־טרערן
געוואַשן, ווען באַטראָטן כ'האָב דיין ערד —
דאָס לאַנד פון זון און שיינענדיקע שטערן.

פון פאָלק די קינדער גייען דאָרט געאָרעמט,
פאַרוואָגלטע האָבן זייער היים געפונען.
דיין געמיט ווערט מיט זוניקע שטראַלן געוואָרעמט,
און פון פריינדשאַפט ווערסטו אַרומגענומען.

געווען איז אונדזער לאַנד פאַרוויסט, פאַרקלעמט,
פאַרזייט מיט שטיין און מיט שטעכיקן דאָרן.
דאָס לאַנד פון חלב ודבש פאַרשעמט,
ווערט איצטער פון דאָס ניי געבאָרן.

געזען האָב איך, ווי פרויען און מענער,
פון אַ גרויסער שיף, געפּאַקט מיט מענטשן,
טראָגן קינדער, קינדער שיין און שענער
און מיט פרומע אויגן גאָט זיי בענטשן.

עס זענען יאָרן זיבעצן פאַרפלויגן,
זינט די מדינה איז פּראָקלאַמירט געוואָרן,
און מיר שטייען נאָך פאַר די אויגן
יענע וואָגלער פון ס'ניי געבאָרן.

און איצטער זענען די פאַרפאָלגטע ברידער,
שטאָלצע מענטשן, פריי פון זאָרג און מורא,
בירגער פון אַ לאַנד, וואָס איז דער טרעגער,
פון פרייהייט שלום, ליכט און תורה.

דער טרוים פון טויזנטער יאָרן

צו דער עטאַבּילירונג פון דער יידישער מדינה

מדינת ישראל, אונדזער טרוים פון טויזנטער יאָרן,
די נייע מדינה, ווו אונדזער פאָלק ווערט ניי געבאָרן.
דאָס פאָלק, וואָס האָט פון אומגליק און וואָגל דערוואַרט,
רייסט זיך אַרויס פון גיהנום, פון פינצטערער נאַכט.
אויך פאַר יענע, וואָס האָבן אויף ניסים געוואַרט,
האָבן די העלדן אין קאַמף די ישועה געבראַכט.

דערלעבט די גאולה, דאָס פאָלק איז באַפרייט.
די העלדישע קעמפער שטייען אויף גרענעצן ווייט.
מיר שיקן אַ ברכה צו קעמפער אויף לאַנד און ים,
צו העלדן, וואָס בויען די היים פאַר אונדזער שטאַם.

אין קאַמף האָסטו דיין לאַנד געוווּנען

געווידמעט מיין טייערן פריינט עליזה לונדון, תל־יוסף

אין קאַמף האָסטו דיין לאַנד געוווּנען,
די שטיינער און דערנער — צוגענומען,
די ערד צעאַקערט, קאָרן פאַרזייט,
און אַלע שטערונגען בייגעקומען.

דורך טעג און נעכט, אין גרעסטע געפאַרן,
האָסטו דורות לאַנג צום קאַמף זיך געגרייט,
אַז דיין אייגענע ערד זאָל ווערן פאַרזייט,
און דאָס אייגענע לאַנד — מיט ברכה פאַרשפּרייט.

דו שאַפסט דורך דיין מי און דיין פּראַצע,
אַ געזאַנג פון זון און פון רעגן.
דו חלומסט פון זייען און דרעשן,
פון בויען האַריזאַנטיקע וועגן.

באַפרוכפּערט עס ווערט שוין דער מדבר,
אויף פעלדער עס צייטיקן זאַנגען.
עס וואַקסט און צעבליט זיך די יוגנט,
דאָס ליד הילכט מיט פריידיקע קלאַנגען.

ליכטיקע שטראַלן

עס האָבן די שטראַלן באַלויכטן די טעג,
ווען דערנער נאָך האָבן פאַרשטעלט אונדזער גאַנג.
דאָס לעבן אַריבערגעשפּאַנט האָט דעם וועג,
כּדי צו דערהערן אַ פרײדיק געזאַנג.

די יוגנט צעבליט — אין אַ ווייט לאַנד געפלויגן,
און פרייהייט־חלומות מיט זיך מיטגעטראָגן,
געפירט טאַטע־מאַמעס ירושה און גלויבן,
מיט ווינטן — צו מזרחדיק לאַנד זיך געטראָגן.

די צווייג האָט פון וואָרצלען פון טיפע געצויגן,
די צייט האָט דעם צווייפל בייגעקומען.
זענען יאָרן, ווי אָדלערס, אין לופטן געפלויגן,
און צום יידישן לאַנד — איבער ימים געשווומען.

געקומען צום סאַמע באַשאַף פונעם לאַנד,
ווו ס'האָט אַ פאָלק זיך פון שבטים אַנטפּלעקט.
געבליבענע גלידער פון פייער און בראַנד,
האָבן זיך ווידער צום לעבן דערוועקט.

דער וועג צו ישראל

מיר זיינען דורך לופט-כוואַליעס צו דער שיף געפלויגן,
געזען ווי די שיף האָט שוימיקע פֿאַלדן געבויגן,
און די בלוי-ווייסע פֿאָן, פֿלאַטערנדיק אַרויפֿגעצויגן,
דורך נאַכט און טאָג, דערשווימען צו ישׂראלס ברעגן.

באַהעפֿט זיך מיט דער פֿאַרבענקטער מאַמען,
פֿון אַלע וועלט-טיילן, ברידער געאייניקט צוזאַמען,
פֿון אָפּגרונט זיך דערהויבן איבער אַלע צאַמען,
פֿאַרוואָגלטע באַפֿרייט און געראַטעוועט פֿון פֿלאַמען.

ווי בלומען פֿון אַלע פֿאַרבן זיי צום לעבן שטייגן,
אין מדבר און אויף בערגיקע שפּיצן זייען און שניידן,
אַרום געקייטלטע גרענעצן מיט דראָטיקע שטאַנגען,
שטייען יונגע שומרים און היטן דאָרט אין שטילן שווייגן.

אַלץ טונקעלער פֿאַלט צו די נאַכט, ווי באַצויבערט,
דער טוי נעמט זעטיקן די ערד און זי ווערט דערנערט,
די שטערן, ווי אָנגעצונדענע לאַנטערן שיינען אַרונטער,
שפּאַנסטו אין פֿרייען צויבערלאַנד, מיט חלומות צונטער.

עס האָט שוין דער שופר געבלאָזן

עס האָט שוין דער שופר געבלאָזן,
דער מזרח — מיט גבורה צעשיינט.
און שטורעם האָט ווינט זיך צעלאָזן —
פאַר אונדז האָט דאָס ליכט אויפגעשטראַלט.

מיט פריידיקן נייעם באַשאַף,
די ערד האָט זיך ווידער צעבליט
און מענטש מיט נאַטור אין געלאַף
האָט שעה פון גאולה פאַרהיט.

די זעלנער מאַרשירן אין ווייט,
כדי צו באַוואַכן דעם שלום.
ישראל איז גרייט צו דעם שטרייט —
און לעבט מיט ישעיהוס חלום.

מוטיק באַגעגנט דעם שונא

מוטיקע גייט איר דעם שונא אַנטקעגן,
כדי צו באַזיגן די פינצטערע נאַכט.
צו דער גערעכטיקייט מוזט איר דאָך שטרעבן,
דערקענען אין קאַמף אייער מאַכט.

די מכבייער פון אונדזער פאָלק,
זיי גייען שוין ווידער אין קריג.
נקמה פאַר מיליאָנען קדושים
זיי נעמען מיט זיג נאָך אַ זיג.

מיר שטייען מיט קלאַפנדע הערצער,
און לויבן דעם מעכטיקן אָרעם —
צי איז ער פון מזרח, פון מערב,
צי איז ער פון צפון, פון דרום.

געבענטשט זייט, איר העלדישע קעמפער,
וואָס שלאָגט זיך פאַר היים און פאַר שלום,
עס וועלן אייך גבורה און מוט
דערפירן צום נביאישן חלום.

דער חלום פון דורות

אונדזערע אייגענע שיפן שווימען שטאָלץ אויף די ימען,
אויף שוימיקע כוואַליעס קומען צו אַלע וועלט-טיילן,
פאַרן געדודפטן ברודער, דעם גלות צו צאַמען,
ברענגען אַנזאָג פון אויסלייז און וווּנדן צו היילן.

מאַיעסטעטיש שווימען די שיפן, שניידן די כוואַליעס מונטער,
מיט ווייסן שוים גלעטן זיי ישראלס ים-ברעגן,
און סילועטן פון הר הכרמל קוקן צו שיפן אַרונטער,
גריסן פריינדלעך דעם עולה, וואָס קומט פון די ווייטע וועגן.

ווערט אַ פאָלק צעמענטירט ווי דער שטאַרקער גיבראַלטאַר,
מיט מענטשן פרייע אין אַ לעבן ווי אַ ברויזנדער וואַסערפאַל,
זעסט אויסגעשטערנטן בלויען הימל און פאַרגעסט אין געפאַר,
ווערסט דערהויבן פון פינצטערניש צו אַ נייעם ליכטשטראַל.

אויף בערג און טעראַסן פון קיינעם ניט געשטערט,
פלאַנצסטו דיין גאָרטן, בויסט דיין אייגן געצעלט,
ביסט פריי ווי אַ פויגל מיט מענטשלעכער ווערט,
בויסט פאַר דיין פאָלק אַ ניי-פרייע ליכטיקע וועלט.

חלוצים

חלוצים האָבן זייערע לעבנס מיט ישראל געבונדן,
און אין שווערע נסיונות זייער גלויבן געצונדן.
די פרייד און גליק אין דעם שווערן לעבן געפונען,
און אַלע שטערונגען בייגעקומען.

זיי האָבן געהערט פון דעם בלוטיקן טאָל,
דערגאַנגען צו זיי איז דאָס שרעקלעכע קול,
פון גזירות און אומקום אין בלוטיקן שטראָם,
פון טאַטעס און מאַמעס אין פינצטערן תהום.

ווי ס'ווערן די ברידער געמאַטערט, געפּלאָגט,
אויף בלוטיקע וועגן פון שונא געיאָגט.
פאַרמאַכט זיינען טירן פון יעדערן לאַנד,
פאַר אַלע קרבנות פון נאַצישער האַנט.

און ווען עולים אויף שיפן זיי זיינען אַנטרונען,
צו די ברעגן פון הייליקן לאַנד צוגעקומען,
דאַן האָבן חלוצים מיט הייליקן ציטער,
פון שיף זיי געטראָגן, פאַרשטעלט פון די היטער.

1947

האָט דיין פוס דאָס לאַנד באַטראָטן

האָט דיין פוס דעם זוים פון הייליקן לאַנד באַטראָטן,
פון הייסן זאַמד און פון געוואַשן־געקושטע ברעגן.
דערזעסט די בערג און טאָלן מיט שטיינער געקנאָטן,
ווּ אַלע שבטים זאַמלען זיך צוזאַמען פון ווייטע וועגן,
דערזעסט ווי ס'נייע לעבן ווערט אין אייגן לאַנד פאַרפלאַנצט,
מיט שטאָלצן מוט און מיט אַ שאַרפן מוח.
און זומפן ווערן געטריקנט מיט אַ מוסקולירטער האַנט,
און עס כישופט פון פרישע בליטן אַ גרויסער כוח.
דערזעסט, ווי עס שפּראָצט ניי גרינס אויף מדבר־פעלדער.
און אויף זאַמד בליען־אויף די יונגע וועלדער
דאַן קענסטו ניט מער אין דיין געמיטלעכער היים רואיק זיין,
עס רופט דיך צוריק אַהין, איבער ימים, צום נייעם געצעלט,
ווּ איינגעזאַפּט האָט די ערד די גאַנצע פּיין,
און שטורעם האָט פאַרטראָגן אַהין די פאַרצווייפלטע פון דער וועלט.

מיין חברס בריוו

אין שלאָפלאָזער שעה, צווישן מיטנאַכט און טאָג,
איך לייען דעם חברס בריוו וועגן ישראלס זאָרגן,
אין דמיון, אַריבער מדבריות, איך טו זיך טראָגן,
און טראַכט וואָס וועט ברענגען דער קומענדער מאָרגן.

אין מיין וויזיע איך זע דעם פאָלקס פרייד,
די בשורה פון אוצרות, אין טיפעניש פון באָדן,
ווי עס שטראָמט דער פליסיקער אויל פון מוטער ערד,
און גרויס און קליין צום וווּנדער זיך טראָגן.

מיט נייעם לעבנס קוואַל האָט יוגנט זיך צעבליט,
און בשפע וועט אַלץ אויפגיין פאַרן קומענדן דור,
ווען דו שעפסט פרוכטן פון אייגענעם צוויט.
וועלן מער שוין ניט קומען זיבן מאָגערע יאָר.

דאָס פאָלק וועט מען קיין מאָל ניט פאַרצערן,
מיט אַרבעט און מי וועט פול זיין די צייט.
די גרענעצן וועלן אָפּגעהיט ווערן,
און פון מורא און פיין וועט מען ווערן באַפרייט.

האָט איר געהערט אַמאָל זאָגן

האָט איר געהערט אַמאָל זאָגן,
ווערטער ניט דערזאָגטע,
עס זאָל זיין לאַגיש און שיין —
ווען עס ריידן בלויז די אויגן,
און דאָס פּנים שיינט מלא חן?
האָט איר געהערט ווי פליימן שפּילן;
די געטלעך הימלישע געזאַנגען,
פון צויבער־טענער צעקלונגענע,
און עס ברויזן טויזנטער פאַרלאַנגען
אויף האַרפן־סטרונעס אויסגעזונגענע?
מען פילט אַזאַ געטלעך געזאַנג,
ווען מען קומט אין אויסגעבענקט לאַנד,
ווען איר זעט ווי דאָס פאָלק —
געלעבט אין גלות אָן טאָלק —
בויט צוריק דאָס אַלט־נייע לאַנד,
אויך דער מיט נומערירטער האַנט.
אַ לאַנד וואָס איז געווען לאַנג פאַרלאָרן,
ווערט צוריק אויף דאָס ניי געבאָרן.

ווייט אין דעם מדבר

ווייט אין מדבר, אין דעם הייסן זאַמד,
קומען אָן עולים צו בויען דאָס לאַנד.
געריסן דערנער, געאַקערט, געזייט —
עס וואַקסן שוין ביימער, די פרוכט איז שוין גרייט.

עס וועט ניט זיין קיין פּיין,
קיין הונגער וועט ניט זיין,
אין לאַנד פון ברויט און וויין.

קאַראַוואַנען און קעמלען פאָרן אין וועג,
שטייען חלוצים מיט האַמער און זעג,
זיי בויען און שמידן אַ נייעם לעבן,
וואָס וועט פאָרן פאָלק די פרייהייט געבן.

עס וועט ניט זיין קיין פּיין,
קיין הונגער וועט ניט זיין,
אין לאַנד פון ברויט און וויין.

פון ווייטע לענדער, פון ווייטן וועג,
קומט דער ייד צו פאָרן צו זיין אייגענעם ברעג,
קלינגט הויך ניט שמחה אָפּ זיין קול —
די פרייד פון אַרבעט איבער באַרג און טאָל.

עס וועט ניט זיין קיין פּיין,
קיין הונגער וועט ניט זיין,
אין לאַנד פון ברויט און וויין.

אויף ווייטן האָריזאָנט אַ שטערנדל פּאַלט,
די שטאָלצע יוגנט יובלט און שאַלט,
גרייט צו באַשיצן מיט כוח און מוט,
ניט הפקר זאָל זיין קיין יידיש בלוט.

עס וועט ניט זיין קיין פּיין,
קיין הונגער וועט ניט זיין,
אין לאַנד פון ברויט און וויין.

צום אַלט-נייעם לאַנד

שטאַרקע ים-כוואַליעס יאָגן, יאָגן אָן אַ שיעור,
שטאַרקע ווינטן בלאָזן, ברענגען די בשורה צו דיין טיר,
פון אונדזערע שיפן, וואָס שווימען אויף אַלע ימען,
און ברענגען אונדזערע געפּלאָגטע שבטים אין לאַנד צוזאַמען.

די שטאָלענע יידישע פויגלען, וואָס שפּאַלטן דעם רוים,
ברענגען די פאַרוואָגלטע אין דער אייגענער היים,
צום אַלט-נייעם לאַנד צו באַפרוכפּערן מדבריות —
אַ חלום פון קדושה און לאַנג-לאַנגע דורות.

ישראל

עס שטראָמט קלאָרער וואַסער פון נייע פרישע קוואַלן,
צעבליט און באַפרוכפּערט ווערט דער מדבר דורך אַקער,
דיביימער באַגילדעט מיט ליכטיק זוניקע שטראַלן,
די ערד ווערט באַפרוכפּערט פון יוגנטלעך פלאַקער.

נאָך פאַרניכטונג און אומקום שפּראָצט אַ ניי לעבן,
ניט פאַרצווייפלט געוואָרן אין שרעקלעכער צייט,
מיט מוט דערגרייכט אַ צוויי טויזנט־יאָריק שטרעבן,
און אויפגעבויט אַ לאַנד, וואָס האָט דעם יידן באַפרייט.

נאָך טויזנטער יאָרן פון וואָגל און וואַנדער,
אַ דריטל פון פאָלק איז פאַרניכטעט געוואָרן,
נעמט דער ייד אין ישראל זיינע הענט פאַנאַנדער
און ווערט ווידער אַ שטאָלץ פאָלק, ווי ניי געבאָרן.

אַ געסעלע אין גבעתיים

רחוב המעורר, אַ געסעלע אַ דרימל,
מיט פּרעכטיקעביימער וואָס ציען זיך צום הימל,
אָנגעלאָדן מיט גרינס, פירט אַ תימנער אָן אייזל ביים צוים,
ער בעט קויפן זיין סחורה, ער איילט זיך אויף שבת אַהיים.
עס איז פרייטיק פאַרנאַכט, דאָס געסל מיט שכינה אַרומגענומען,
דער לעצטער אָטאָבוס איז צום געסל אָנגעקומען,
פאַרשפּעטיקטע איילן זיך אַהיים מיט שבת-בלומען.
קינדערלעך קומען זייערע טאַטעס אַנטקעגן,
דער שבת-שלום קלינגט אויף אַלע וועגן און שטעגן,
זיי זיינען גערן צו וויסן וואָס טאַטעס האָבן געבראַכט,
און מען איילט זיך אַהיים, איידער עס פאַלט צו די נאַכט.
עס יאָגן זיך פרויען, עס יאָגן זיך מענער,
צו מאַכן די לעצטע הכנות, דער שבת זאָל זיין שענער.
אָט איז די זון שוין פאַרגאַנגען, די ליכט שוין געבענטשט,
אין שטוב רוט די שכינה, אויפן טיש, אויף די ווענט,
דער טאַטע מאַכט קידוש, הייבט צום הימל די הענט,
די ביימער אין דרויסן זינגען שירה גאָר גערן
ווי אַ געבעט צום אַלמעכטיקן, ער זאָל דעם קידוש דערהערן
און די רואיקייט פון שבת זאָל דער שונא ניט שטערן.
נאָכן עסן זינגט מען זמירות און מען דאַנקט גאָט,
פון פענצטער זעט מען די ליכט פון דער נאָענטסטער שטאָט,
מען זעט שפּאַצירן אַן אַלטינקע פּאָר מיט געמיטלעכן טראָט,
פון די פענצטער אין געסל שיינען שבת-ליכט אָפּ,
די לבנה און שטערן קוקן פריידיק אַראָפּ,
פון וויטן קומען יונגע פּאָרלעך מיט שטאָלצן טראָט,
קומען פון תל-אביב, די נאָענטע שטאָט,
זייערע פּנימער שײַנען, עס איז אַ דור אַ נייער,
וועמען דאָס לאַנד איז ליב דאָס לעבן איז טייער,
זיי טומלען, זיי ריידן, פאַר זיי איז ניטאָ קיין פאַרבאָט,
דאָס זיינען די שיצער פון לאַנד, פון שטעטל און שטאָט.

ניט געזאָרגט

ניט געזאָרגט, ניט געדאגהט,
וועגן צוקונפט פון אונדזער שטאַם,
ווען עס בליט אַ נייע יוגנט,
פול מיט פייער, פול מיט פלאַם.

זיי טריקענען די זומפּן,
זיי בויען וועגן נייע,
זיי וואָרצלען אוים די דערנער,
אין די פעלדער פרייע.

פון נייעם דור זיי קומען
זיי פלאַנצן גראָזן, בלומען,
דאָס לעבן איינגעשטעלט,
פאַר אַ שיינער פרייער וועלט.

זיי וועלן שמידן וואָפן,
דעם פאָלק אַ צוקונפט שאַפן,
אַ לאַנד מיט פעטן באָדן,
מיט תבואה אָנגעלאָדן.

מען וועט פאַרגעסן קריג,
ניט זאָרגן פאַר אַ זיג,
און ווי אין נביאס חלום,
וועט אייביק הערשן שלום.

משק עינת

געווידמעט די קינדערלעך

קיבוץ עינת — אַ וועלט אַ נייע,
זון און שאָטנס, אַ מחיה,
גרינע לאָנקעס און אַלייען,
פרישע קילע ווינטן ווייען.

באַרג און טאָלן ווי אין דרימל,
און דער קלאָרער, בלויער הימל,
רונד אַרום אַלץ שיין און שענער,
דורך דיביימער שײַנט עס העלער.

זיך ציען ברייטע צויבער וועגן,
אויף פּאַרכישופטע שמאָלע שטעגן,
קינדער־היימען גרוים און קלענער,
יעדע אויסגעפּוצט, ריין און שענער;

קלייבן די חברה זיך צוזאַמען,
פריי פון שטוב, פון טאַטע־מאַמע;
פריי פון דאגות, פריי פון זאָרגן,
ניט געטראַכט פון היינט און מאָרגן.

שפּרינגען זיי דאָרט הויך און העכער,
איבער גריבער און איבער לעכער,
אַ נייער דור וואַקסט אויס אַ פרייער,
פון אַ פאָלק וואָס איז אַרוים פון פייער.

פאר די קליינע קינדערס וועגן

שפּאַצירן קינדער

פעלד-בלומען און רייפע זאַנגען,
גריסן די קינדער אויף די וועגן,
און די קינדער ווי יונגע העזלעך,
שפּרינגען אויף אַלע שטעגן.

אין צעשפּרייטן פרייען פעלד,
קלינגט די לופט מיט קינדער-קלאַנגען,
שפּאַנט מען צום נאָענטן וואַלד
מיט הילכיקע געזאַנגען.

אָט שפּרינגט אַ מיידל אין גאַלאָפּ,
און אַ צווייטע הין און הער,
שטעלט זיך אַ יינגל אויפן קאָפּ,
און באַלד פאַרשטעלט זיך פאַר אַ בער.

פאַלט צו דער אָוונט בלווילעך-גרוי
און די זון פאַרגייט אויפן שפּיץ פון בוים;
דאָס גראָז אין פעלד ווערט פייכט פון טוי
יאָגן זיך קינדער שנעל אהיים.

קינדער־וועלט

די פריילעכע, די קינדער־וועלט
איז אזוי חבריש און פריי,
די קינדער זינגען לוסטיקע
אַלטע לידער פון דאָס ניי.

שײַנט די זומערדיקע היים,
פון קינדער גרויס און קינדער־קליין
ווען אַלע שפרינגען אויפן פעלד
זאָרגלאָז, האַרציק פול מיט חן.

געזונט און שטאַרק זאָלט איר מיר זיין,
איר קינדער, וואָס האָט אַלץ בשפע היינט.
זאָל אייער טאָג פאַרשטערט ניט זיין,
און אייער וועג זאָל זיין באַשײַנט.

אין אַן אָפּרו־פּלאַץ

קינדער לויפן, יאָגן זיך,
שטיפן און צום וואַסער טראָגן זיך,
שפּרינגען אין וואַסער, גאָר ווי גרויסע
אין די זומער־טעג די הייסע.

קינדער טומלען, ווי בינען זשומען,
שווימען אין וואַסער, ווי קאָלירטע בלומען,
פון ברעג צום ברעג און צוריק זיי קומען,
און ווידער ווייט אַוועקגעשווומען.

פריידיק הילכן עכאָ־קלאַנגען,
עס זינגט מיט דאָס קלאָרע וואַסער.
פליוך, פליוך און פליוך־געזאַנגען,
ביז די זון איז שוין פאַרגאַנגען.

שווימען שיפלעך מיט פּאָרלעך ליבע
און די לבנה שײַנט אַ פּראַכט,
און פאַרטרייבט מחשבות טריבע
אין דער הערלעך מילדער נאַכט...

קינד און פעלד

קינדער פלעכטן בלומען־קראַנצן,
שטיפעריש אין גערעג זיי טאַנצן,
הילכיק שפרינגען אום אין שפיל,
ביז דער טאָג פאַרגייט אין גאַנצן,
ווערן קינדער מיד און שטיל.

די זון אויף הויכע בערג פאַרגייט,
א פאַרשפעטיקטער פויגל פון ערגעץ פליט,
לבנה שמייכלט צום בלויען פראַכט,
די מענטשן־קינדער באַלויכט און באַהיט,
ווי אַ שומר די שטאָט באַוואַכט.

און ווי עס פאַלט נאָר צו די נאַכט,
עס ווערט די טיר פון גאַס פאַרמאַכט,
אָפגעשטעלט די קינדער־שפיל,
צעגרילצט זיך איינטאָניק די גריל:
אין הויז ווערט אומעטיק און שטיל.

אויף אַ שפּאַציר

אַ שפּאַציר דורך פעלד און וואַלד,
פול מיט בערעזעווע ביימלעך,
און מיט קוסטעס רויטע מאַלינעס,
באַשפּרינקלט פול מיט בלימלעך.

אַט פליט אַ האָניק-פייגעלע,
זי טרינקט דעם בלומען-זאַפט,
דאָ שפּרינגט אַרום אַ העזעלע,
מיט זיין גאַנצער פלינקער קראַפט.

שווימט און קוואַקעט אַ זשאַבעלע,
אַרום קוסט אין מוטנעם וואַסער,
קוואַ, קוואַ, קוואַ! ענטפערט איר חברל
און טאַנצט אַרום אַ נאַסער.

זשומען פליגן, עס בייסן בינען,
און מוראַשקעס פול און פיל,
און עס מאַכן נעצן די שפּינען,
ווי זיי וואָלטן שפּילן אין אַ שפּיל.

קומט אַ שפּאַרבער צו צום בוים,
הערט זיך פון פייגעלעך אַ געוויין,
הערט די מאַמע קינדערס קלאַנג —
צעוויטיקט בלייבט זי ביים נעסט שטיין.

וואַקאַציע־צייט

עס האָט די שולע זיך פאַרמאַכט,
און שוין זומערדיקע היצן.
לויפן קינדער אויף די גאַסן,
אויף רעדלעך, באַרג־אַראָפּ זיך גליטשן.

עס רוישט די גאַס, איז פול מיט לעבן,
קינדערלעך ווי פייגל עס שוועבן,
דאָס עסן אָפּגעכאַפּט, אַנטלאָפן —
די מאַמע זאָל נאָר ניט באַשטראָפן.

עס נעמען זיך קינדערלעך אין אַ ראָד,
זיי פלעכטן זיך אין קאַראַהאָד,
זינגען שפּרינגען אין גאַלאָפּ,
און קייקלען זיך פון באַרג אַראָפּ.

פריי ווי פייגל אין די הימלען,
שפּרינגען זיי אויף גראָז און בלומען,
ענג און היים איז אין די היימען,
צו שטיפן פאַרן גוף דעם קליינעם.

ווי עס פאַלט נאָר צו די נאַכט,
ווערט די טיר פון גאַס פאַרמאַכט,
מידע קינדער צום הויז זיך טראָגן,
די מאַמע טוט צום בעט זיי יאָגן.

אין די בעטן רוען קליינע,
און זיי זעען חלומות שיינע,
ווי זיי וועלן שפּילן מאָרגן,
און ניט לאָזן מאַמען זאָרגן.

פאַר די קליינע קינדערס וועגן

שנייעלע, שנייעלע, ווייסינקער פוך,
באַדעקסט אונדזער וועלט,
מיט אַ ווייסינקן טוך.

מיט רעגנבויגן־קאָלירן
פּליסט פון הימל אין דער לופטן,
און ווילסט די וועלט באַצירן.

די בערג און די טאָלן,
די פעלדער און לאָנקעס —
נאָר פאַר מאָלער צו מאָלן.

קלאָר ווייס־פּוכיקע שנייען,
פאַלן פון הויכע וואָלקנס
קליינע קינדער צו דערפרייען.

צו דער גאַס אויך גיך זיך יאָגן,
קינדער לויפן מיט געפּילדער
און מיט זיך שליטנס טראָגן.

שטייען אַלע פון ווינט פאַרשטעלט,
אויפן הויכן בערגל אין אַ רייע
און מיט זיי די גאַס עס קוועלט.

זיי שפּרינגען אויף גיך, גאַלאָפּ,
יאָגן איבער איינס דאָס צווייטע,
פאַרריסן הויך דעם קאָפּ.

וועז זיי גרייכן פּונקט אין ציל
און די לופט ווערט ווינטיק, קיל,
דאַן פאַרענדיקט זיך די שפּיל.

שטראָם זשע, דו וואַסערל

שטראָם זשע, דו וואַסערל,
צום טייכעלע שיין,
טרינק אָן דאָס גערטנדל
פאַר די קינדערלעך קליין.

הייבט אָן קאַפּען אַ רעגן,
די בלעטער פליען,
פאַר קליינע קינדערס וועגן,
וואָס וואַקסן און בליען.

ווערט שטאַרקער דער רעגן,
די וואָלקנס זיך טראָגן,
דער ווינט, ער צעבלאָזט זיך,
און הייבט זיך אָן קלאָגן.

די טראָפּנס, זיי גיסן,
וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער,
פאַרפלייצן דעם גאָרטן,
וואָס ליגט אַ פאַרשמאַכטער.

די ערד פילט זיך אָן
מיט זאַפטיקן טוי,
דאָס טייכל צעגיסט זיך
פון די ברעגן אַזוי.

דאָס קלאָרינקע וואַסערל
שטראָמט ווי פון אַ קוואַל.
עס שוימט אַרום די שטיינדלעך
באַרג אַראָפּ ווי אַ וואַסערפאַל.

מיר פאָרן אין קעמפּ

די היץ זי שטיקט, די זון זי ברענט,
עס ווערן שוואַך די פיס, שוואַך די הענט.
פאָרן מיר צום קעמפּ דעם שטילן,
דורך דעם האָדסאָן, דעם קילן.

אויפן האָדסאָן די שיף זיך וויגט,
קילע לופט די היץ באַזיגט,
און מיר זינגען יידישע לידער
שטיפן, טאַנצן און זינגען ווידער.

אין קינדער־קעמפּ מיר קומען אָן,
אַ נייער לעבן הייבט זיך אָן,
אויף דיביימער, אויף די בלומען,
פייגל זינגען, בינען זשומען.

אין טייך די שיפלעך שטייען גרייט,
מיר פאָרן דורך אין לענג און ברייט,
און דאָס וואַסער שטראָמט זיך שטיל,
און די לופט איז ריין און קיל.

לויפן מיר פון טייך צום וואַלד
און דאָס גלעקל רופט אונדז באַלד.
עס איז שוין שפּעט, די צייט זי גייט,
צייט צו עסן, אַלץ איז גרייט.

דערציילט האָט די באָבע אַ מעשה אַ שיינע

א באַלאַדע

דערציילט האָט אונדז די באָבע אַ מעשה אַ שיינע,
פֿאַר אונדז קינדערלעך, אייניקלעך קליינע.
די מעשה גאָר אַן אַלטע פֿון אַ וועלט,
ווי לעבן, זון און שטערן האָבן געפֿעלט,
ווען קיין לעבעדיקער נפֿש איז נאָך ניט געווען,
און עס איז ניט געווען וואָס צו זען.
די באָבע דערציילט די מעשה אַזוי:
קיין ערד איז ניט געווען, נאָר וואָלקן גרוי,
ניט קיין גראָז, ניט קיין בלום
אַלץ פֿינצטער אומעטום.
פֿון קיין ליכט ניט געוווּסט,
אַלץ פֿינצטער און פּוסט.

האָט גאָט געזאָגט, עס זאָל ווערן ליכט,
ווייל די פֿינצטערניש איז צו געדיכט.
האָט די זון גענומען שטראַלן ליכטיק,
און די לבֿנה איז געוואָרן זייער וויכטיק,
אַלץ אַרום האָט געשיינט אַ פּראַכט
עס איז געוואָרן טאָג און געוואָרן נאַכט.
האָט גאָט געהייסן די וואַסערן פֿליסן,
און אין ימים זיך איבערגיסן,
האָט די ערד זיך גענומען שיילן
און אין אינדזלען זיך צעטיילן,
עס האָט גענומען וואַקסן גראָז און בלום,
פֿול מיט לעבן אומעטום.

גאָט האָט זיין אַרבעט גענומען בענטשן,
און באַשלאָסן שאַפֿן אַ מענטשן.

האָט גאָט באַשאַפֿן דאָס וואָס פֿעלט —
אָדם הראשון, דעם ערשטן אויף דער וועלט,
און גאָט האָט אים געזאָגט אַזוי:
דו, אָדם, מוזסט האָבן אַ חבר, אַ פֿרוי,
וועל איך זי שאַפֿן פֿון דיין ביין,
און זי וועט זיין וווּנדערשיין.
פֿרוכפּער זיך און מער זיך,
נאָר איין זאַך פֿאַרשווער זיך:
זוך קיין לוקסוס, זוך קיין זאַכן,
וואָס זאָלן דיך פֿאַר הערשער מאַכן.
האָט גאָט חוהן געשאַפֿן פֿון אָדמס געביין,
זי איז פֿאַרוווּנדערט געבליבן אין גאָרטן שטיין.

איז חוה פֿאַרגאַנגען אין טראָגן,
און האָט אָדמען קינדער געבאָרן,
האָט אָדם געזאָגט די קינדער אַזוי:
די וועלט באַלאַנגט צו יעדער מאַן און פֿרוי,
זייט קינדער די שומרים פֿון גאָטס וועלט,
געדענקט, די גאַנצע וועלט איז גאָטס געצעלט.
גאָט האָט געהייסן זיינע קינדער צו פֿאַרזייען די פֿעלדער,
מיטביימער און חיות האָבן זיך אָנגעפֿילט די וועלדער,
האָט די ערד זיך צעשפּראָצט און צעקוועלט,
פֿאַרפֿלייצט מיט שפע איבער דער גאָרער וועלט.
דער מענטש האָט געפֿיטערט שאָף און רינדער,
און מיט תבואה געשפּייזט גאָטס קינדער.

ביז אַ בייזע שלאַנג האָט זיך אַריינגעמישט,
גאָטס באַפֿעל צו מאַכן צונישט.
די שטאַרקע האָבן גענומען צעטיילן די וועלט
און פֿאַרכאַפּן אַלץ וואָס זיי געפֿעלט.
אָפּגעצאַמט דאָס בעסטע נאָר פֿאַר מיר,

נאָר שטיקלעך און ברעקלעך באַלאַנגען צו דיר.
פאַרגעסן דעם אַקער, פאַרגעסן די בראָנע,
און געשטעלט די וועלט אין דער גרעסטער סכנה.
זיך פאַרנומען מיט קאַמף און ווילדן געפּעכט,
ביז אַ האַלבע וועלט איז געוואָרן פאַרצערט.
האָט גאָט דער האַר אַ מבול געבראַכט,
פאַרפלייצט די וועלט אין אַ פינצטערער נאַכט.

נאָר איין פּאַרזון האָט דער בורא געמאַכט,
ער האָט אין זיין גוטסקייט פון דעם גאָרניט געטראַכט:
אַז לעבן־פאַרבליבענע פון מענטשלעכן שטאַם,
וועלן ווידער אָנצינדן אַ פייער־פלאַם,
וועט ווידער ווערן מלחמות, ווידער געפּעכט,
און די וועלט ווי פריער וועט ווידער זיין שלעכט.
פון דאַן ביז היינט איז די וועלט ניט קיין גלייכע,
איז צעטיילט אין שטאַרקע און שוואַכע, אָרעם און רייכע,
די שטאַרקע זיי שרייען, זיי סטראַשען מיט טויט,
פאַר די, וואָס ווילן האָבן צו עסן אַ שטיקל ברויט.

דערציילט האָט די באָבע די מעשה אַזוי,
די וועלט איז איצטער פינצטער און גרוי.
זייט איר, ליבע קינדער, די היטער פון שטאַם,
איר קענט פאַרהיטן די וועלט פון בלוטיקן פלאַם,
העלפט די שוואַכע, די מענטשן פון טאַל,
ברענגט גאָטס שלום אַזוי ווי אַמאָל.
איר קינדערלעך קליין, וועט וואַקסן און פאַרשטיין,
אַז גאָטס גענאָד דאַרפט איר דורכפירן אַליין,
שטעלט צוריק די וועלט ווי אַמאָל, גאָר אַמאָל
און מיט טרערן ווערט פאַרשטיקט דער באָבעס קול.

יידישע ימים־טובים

ימים נוראים טעג

דער מענטש אין די ימים נוראימדיקע טעג,
גיט זיך אָפּ דין וחשבון אין מחשבה,
וואָס דערגרייכט און וואָס פאַרפעלט אויפן וועג,
יעדער וויל זיין מיט זיין לעבן שווה בשווה.

ווייל עס קומען און פאַרגייען אַזוי גיך די טעג,
אָפּט באַשיינט די זון די בריליאַנטן טראָפּנס רעגן,
אָפּט פאַרטונקלט ליכט, די כמאַרע אויפן וועג,
און עס טונקלט אויף שאָטנדיקע שטעגן.

יעדער גיט זיך אָפּ אַ חשבון הנפש אין די הייליקע טעג,
פאַר אַ יושרדיקער וועלט, וואָס געטאָן, וואָס פאַרפעלט,
חלומט צו פאַרלייכטערן דעם שווערן וועג,
פון גאַנג צו אַ פרייער און זוניקער וועלט.

חנוכה

ווען די גריכן האָבן אין אַלטע צייטן דאָס פֿאָלק געדריקט;
האָבן יידישע העלדן דאַן געקעמפּט און געזיגט.
האָבן די חשמונאים מיט גבורה און מאַכט
געקעמפּט און באַזיגט די פינצטערע נאַכט.
האָבן אין בית-המקדש געצונדן אַ קריגעלע אויל,
וואָס געברענט האָט אַכט טעג און פאַרטריבן דעם גרויל.
עס זיינען שוין טויזנטער יאָרן פאַרפלויגן
און עס שטראַלט נאָך אַלץ די ליכט פאַר די אויגן.
אונדז פינקלען און ווינקען די ליכטעלעך אַכט
און באַלויכטן דאָס לעבן אין דער טונקעלער נאַכט.
אונדזערע דורות זיינען דורך די יאָרן,
אין לענדער פון גלות חרוב געוואָרן,
אונדזער דור איז אויך געטראָפן געוואָרן
נאָר די ליכטלעך אַכט באַלויכטן די נאַכט,
זיי ווינקען און פינקלען פאַר גאולה אַ פּראַכט.
אין טויזנטער יאָרן פון האַס און פון צאָרן,
האַלט אונדז אויף דער יום-טוב אין די גלות-יאָרן,
אַז אויך הײנטיקע העלדן אין פרייהייט געבאָרן
וועלן ברענגען פרייהייט און שלום, די בעסטע מתנות,
פאַר אַ פאָלק, וואָס האָט געבראַכט אַזוי פיל קרבנות.

פורים אַמאָל

אַ פֿריילעכער טאָג איז אַלע מאָל פּורים,
אַוועק איז דער ווינטער, אַוועק דער שטורעם,
געמאַכט אַ לחיים, ניט ווייניק ניט פֿיל
און גלייך געגרייט זיך פֿאַר אַ פּורים־שפּיל.
געזונגען אַ ניגון: היינט איז פּורים, מאָרגן אויס,
גיט מיר אַ גראָשן און וואַרפֿט מיך אַרויס.

די גאַס שמעקט מיט לעקעך, טייגלעך און המן־טאַשן,
טראָגן קינדער שלח־מנות אין טעלער צו נאַשן,
טאָרט און מאַראַנצן פֿאַר גרויס און קלענער,
מען גיט זיי מתּנות: דרייערס און צענער,
אַ יינגל האָט פֿון פֿעטער אַ גילדן געקראָגן,
פֿליט ער אַהיים ווי אויף פֿליגלען געטראָגן.

זיצן מאַמעס אויף פּריזבעס, מיט עופּעלעך אין שויס,
דערציילן פֿון נסים, ווען די געפֿאַר איז געווען גרויס,
די טאַטעס אין שול, נאָכן זאָגן די מגילה,
דערציילן פֿון נסים וואָס געטראָפֿן אין לענדער פֿילע,
מיט המנס פֿאַרשידענע, אין אַלע צייטן און יאָרן,
אָבער איבערגעלעבט זיי, און ווידער פֿריי געוואָרן.

שבועות אין ישראל

אין הייליקן ציטער, דורך לופט און דורך ימען,
צו מדינת ישראל, וואָס גלידערט אונדז צוזאַמען;
דער אָנקום פון שבועות, דער יום־טוב פון שניט,
די פעלדער מיט זאַנגען אומעטום אויסגעשפּרייט,
די בערג און די טאָלן אין גרינס איז באַקליידט.

די גאַס און די הייזער אונטערן בלויען הימל שיינט,
עס איז יום־טובדיק מיט דער הייליקער תורה היינט.
מיט פריידיקן בטחון יובלט סיי יונג, סיי אַלט.
אויסגעפּוצט אין ווייסן, מיט בלומען פאַרשפּרייט,
ווי אַ כלה אין איר זיידענער חופּה־קלייד גייט.

גייט דער עולם אין שול, עס שוועבט די שכינה,
דער חזן אין ווייסן קיטל שטייט אויף דער בימה,
ער זינגט מיט זיין כאָר די תפילות די שיינע.
עס טראָגן זיך די טענער פון אַלטאָ און באַס,
מיט אַ ציטער עס טראָגט זיך די תפילה צום גאָט.

דער עולם באַהעפט זיך מיט געבעט צו גאָט —
ער זאָל באַשיצן פון שונא די הייליקע שטאָט,
עס זאָל געלייטערט ווערן ישראל מיט גאָטס גענאָד.
פון געטלעכן געבעט דאָס האַרץ נאָגט און ציט,
פאַרן אויסגעבענקטן לאַנד, וואָס מיט לעבן עס גליט.

האָפענונג

האַלט פּעסט דעם קאָפּ

אוי, ברויזיקע כוואַליעס,
וואָס יאָגט איר זיך אום,
אוי ווינטן וואָס בלאָזט איר,
וואָס וואַרפט איר אַלץ אום?

דאָס לעבן עס דרייט זיך
אַרויף און אַראָפּ,
אַ כוואַליע אָט וואַרפט זיך —
טאָ האַלט פּעסט דעם קאָפּ.

נאָך כמאַרנע פרימאָרגנס,
קומען זוניקע טעג.
ווען מען אַרן די שאָטנס,
אויב עס איז ליכטיק דער וועג.

באַרג און טאָלן ריידן שטום

באַרג און טאָלן ריידן שטום,
ווען עס רוט די ערד רונד אַרום;
אין דעם זוניקן פרימאָרגן-ליכט,
אַזוי פריידיק שטראַלט דאָס געזיכט.

פינקלען אויגן, ווי אויף גראָז דער טוי,
די אויגן, שוואַרץ, ברוין, גרין און בלוי.
עס כישופט מיט גליענדער יוגנט-שיין,
ווען דער טאָג קען אויך אַ געלייטערטער זיין.

ניט טראַכט פון מאָרגן, ווען גוט איז דער היינט,
ווען די שטימונג, ווי קרישטאָל און זילבער שיינט.
דער דרויסן ווי אַ בליענדיק פעלד ליגט גרייט.
די בריק צום ווייטן האָריזאָנט איז אויסגעשפּרייט.

אויך גאָטס ברכה שטראָמט, פאַר גרויס און קליין,
באַטראַכט נאָר די וועלט און וועסט דעם זין פאַרשטיין.
ווען וועסט באַהעפטן דיין געמיט אין געטלעכן שיין,
וועלן דאַן אויך פריידיקע טעג אין דיין הויז אַריין.

עס גרינט דאָס פעלד

עס גרינט און בליט דאָס פעלד,
ווערט באַפּוצט, באַשיינט גאָטס וועלט.
פעלד־בלימעלעך, האָבן זיך צעשטיפט,
אויף פעלד און וואַלד שפּראָצט פרייד.
און רעגנבויגן האָט וועלט באַשיינט,
און גאָטס שכינה אַראָפּגעשיקט היינט.

די הויכע פּאַלמעס, ווי שומרים, שטייען,
ציען זיך צו הויכן, צום זוניקן שטראַל,
בלעטער ווי די פעכערס, מיט צענומענע אָרעמס,
מיט געבעט צום הימל, מיט הענט אויסגעשפּרייטע.
פּאַלמעס, שטייען אין די רייען אויסגעשטעלט,
צום שטורעם־רעגן זיך ניט באַוועגן, ניט בוקן,
מיט ווירדע און ווילן, קעגן היץ און קעלט,
ווי שטאָלצער מענטש, וויל ניט בייגן זיין רוקן.
ווי דער ריזן־בוים וואָלט באַוווּנדערט די וועלט.

דער ים צעוויגט די שיף

דער ים, שיינענדיק ווי אַ שפּיגל, האָט אונדז געפאַנגען,
און פּלוצעם צעוויגט די שיף מיט איר גאַנצער פּראַכט.
ער האָט זיך אָנגעברוגזט, ווען די זון איז פאַרגאַנגען
און פאַרמאָסטן זיך מיטן פּרעכטיקן פּאַלאַץ אין מאַכט.

דער ים ווערט צעאַקערט אין גרינע שוימיקע פאַרבן,
ווי נעפּטון איז ער באַפעלעריש אַרויף אויפן טראָן,
ער בייזערט זיך מיט צאָרן, וואָס שיף האָט ים געשפּאָלטן —
און דעם מענטש מיט זיין חכמה — געשטעלט אים אין קאָן.

נאָר מיר ביידע, ווי פעלדזן שטאַרק און מוטיק דערהויבן,
שפּאַנען אום אויפן אויבערשטן דעק, קעגן ווינט.
ברויזיק ווי דער שטורעם, מיט פעסטן גלויבן —
מיט שטראָמיקער פרייד מיר טראָגן זיך געשווינד.

צווישן הימל און וואַסער, מיר שוועבן, ווי אין חלום.
דאַכט זיך עס שווימט דאָס לעבן צו אַ וווּנדער-נייער צייט.
די זון מיט די כוואַליעס שליסן אַ שלום,
און ברענגען די בשורה, אַז מזרח-לאַנד איז ניט ווייט.

אַ דאַנק פֿאַר דיין גענאָד

אַ דאַנק פֿאַר דיין גענאָד, רבונו של עולם,
וואָס דו האָסט מיין וועג ניט פֿאַרשטעלט,
אַ ביסל נחת צוגעטיילט מיר אין געהעריקער צייט,
ווען שעפֿעריש קען איך נאָך שפּינען מיין וועלט.

צו קענען מאָלן דעם ים, די בערג און וואַסערפֿאַלן,
דעם רעגן און דעם שטורעם, מיט די טונקעלע טעג.
באַקעמפֿן דעם חושך, וואָס פֿאַרשטעלט מיר די שטראַלן,
און קעמפֿן פֿאַר יושר און אמת, אויף אַ ליכטיקן וועג.

טאָ גיב זשע מיר, גאָטעניו, פֿרישע כוחות פֿאַרן מאָרגן,
ניט פֿאַרצווייפֿלט צו ווערן אין די קומענדיקע טעג,
אין שווערע מינוטן פֿון יאוש, צווייפֿל און זאָרגן;
צו ברענגען טרייסט דעם מענטש אויף זיין שווערן וועג.

לעסינס וועג איז אונדזער וועג

געווידמעט לעסין־בר. 663 אַרבעטער־רינג, לאָס־אַנגעלעס

לעסין-צווייג האָט זיך דורכגעיאָגט,
דורך פינף און צוואַנציק שטורעם-יאָרן,
אויף אַ פעסטן באָדן זיך פאַראַנקערט,
דעם גראָדן וועג קיינמאָל פאַרלאָרן.

פינף און צוואַנציק יאָר דורכגעשווומען,
לענדער פאַר דער צייט זיינען חרוב געוואָרן,
שוואַרצע שאָטנס אויך אין אונדזער וועג געקומען,
זעקס מיליאָן פון אונדזער פאָלק זיינען פאַרלאָרן.

לעסין-צווייג איז אין וועלט-ווייען געבאָרן,
אַ שעפערישער קוואַל פון הונדערטער רינגען געשמידט
אין אויפברויז פון צענדליקער שטורעם-יאָרן,
האָט ווי אַ בלום נאָך אַ רעגן זיך העלער צעבליט.

ניט געפאָלגט קיין פאַלשע נביאים און געטער,
גאַנץ אָפט דורך דערנער און קעגן שטראָם געשפאַנט,
געלערנט, דערצויגן צו העכערע וועלטן,
געפירט, ווי אַ שיפער, מיט אַ פעסטן רודער אין האַנט.

האָבן מיר זיך אַ שבועה געגעבן, ניט רוען
און ניט פאַרגיסן קיין איינציקע טרער,
נאָר רופן צום קאַמף פאַר פרייהייט און לעבן,
דערגרייכן דעם חלום, וואָס איז קיין חלום ניט מער.

לעסין דער טרוימער בינדט דעם אַמאָל און דעם היינט,
מיט הימנען און לידער ווערט די פריינדשאַפט געבונדן.

ווי א ליכטיקער שטערן האָט ער פאַר אונדז געשיינט
און אונדזער גלויבן צו פרייהייט מיט ליבע געצונדן.

לעסינס גייסט האָט תמיד באַזעלט
מיט מוט און שטאָלץ דעם יידן,
לעסינס וועג איז אונדזער וועג,
דער וועג פון ליכט און פרידן.

ניט מיט יאוש

ניט מיט יאוש, ניט מיט זאָרגן,
די וועלט וועט פרייער ווערן,
ניט אין פינצטערן מאָרגן,
וועט הימל ליכטיק ווערן.

ווער עס לאָזט זיך אין ווייטן געלאָף,
און אויפהייבן זיך פון דאָס ניי,
וועט קענען שניידן די גרויע וואָלקנס
און פליען איבער ליכטיקע לענדער פריי.

אייביק וועלן ניט זיין די זאָרגן,
אַז פאָלק קעגן פאָלק זאָל שטרייטן,
אָנקומען מוז אַ ליכטיקער נייער מאָרגן,
און קריג אויף ברודערשאַפט פאַרבייטן.

און רונד אַרום דער גאַנצער וועלט,
וועט שטראָמען פרייד און שלום,
און די גאַנצע יוגנט איבעראַל,
וועט שפינען אַ נייעם חלום.

היטלעריזם

ווי אַ מאַנסטער האָט ער אַ שפּאַן געטאָן,
איבער דער גרויסער וועלט,
מיט קייטן געבונדן אַלץ וואָס איז פריי,
און אַלץ מיט אַ פינצטערן וואָלקן פאַרשטעלט.

די ברוינע, שוואַרצע כמאַרע,
האָט אונדזער זון פאַרשטעלט.
טראָגט זיך אַ שטיקנדע כמאַרע,
גרייכט אַריבער דער גאַנצער וועלט.

עס האָט דער בלוטיקער שטורעם־רעגן,
שוין פאַרפלייצט אַ האַלבע וועלט,
מיט דונער־בליצן פאַרבלענדט די אויגן,
מיט אַ כוואַליע פון פראָסט און קעלט.

אָבער ניט לאַנג קען דויערן אַזאַ צייט,
עס וועט די בלוטיקע ערד צעאַקערט ווערן,
עס וועלן אויפגיין נייע צווייטן, נייע בליטן,
אויפגעשפּראָצט פון מענטשנס טרערן.

עס וועלן בליען פרישע בלומען,
אויף יעדן באַפרייטן באָדן,
עס וועלן קומען דורות נייע,
קיינעם מער ניט ברענגען שאָדן.

פאַר אַ נייער באַפרייטער מענטשהייט,
וועט מען איבערשמעלצן אַלע וואָפן,
אַ ריזן-טורעם פון גערעכטיקייט,
וועט די באַנייטע וועלט דאַן שאַפן.

אונדזער שטאָם

אַ קליינע שיף איז געשוווּמען,
אויף אַלע ברייטע, טיפֿע ימים,
צו אַלע ברעגן איז אָנגעקומען,
אָפּגעריסן פֿון דער וועלט,
ווי אַ קינד אָן אַ מאַמען.

צעשפּרייט אויף אַלע וועגן אבֿרים פֿון שטאַם,
געיאָגט מיט ווינטיקן רעגן און שטורעם,
פֿון שוימיקע כוואַליעס באַטריבט ווערט קאַפּיטאַן,
ביז ער דערפֿירט די שיף צו אַ ברעג,
און זעט פֿון ווייטן די ליכט פֿון אַ טורעם.

און ווען צעבראָכן ווערט די אַלטע וואַנדער־שיף,
און זינקט אַראָפּ אין טיפֿן ים,
ווערט אַ נייע שיף ווידער געבויט,
ווי עס בויט זיך דאָס ניילאַנד, פֿאַרן אַלטן שטאַם,
מיט ליבע און טרייהייט און געטלעכן פֿלאַם.

ווי גערן איך וואָלט

ווי גערן איך וואָלט געוואָלט,
אין די ווייטן צו קומען,
ווו עס שטראָמען און פליסן
די אייביקע פרישע קוואַלן.

איך וואָלט גערן מיטן שטראָם,
מיט פרייד אַהין געשווומען,
ווו די געטלעכקייט אַליין,
טוט דאָרט ליכטיק שטראַלן.

ווי גערן איך וואָלט געוואָלט,
אויף די הויכע בערג זיך טראָגן,
ווו אייביקער טאָג-ליכט,
ליגט כישופדיק אויסגעשפרייט.

ווו עס שוועבן די פייגל,
און אין מחנות זיי יאָגן,
ווו די זון פאַרגייט —
אין פלאַמען פורפור רויט.

פאַרלאָפענע יאָרן

וואָלט איך נאָר פליגלען פאַרמאָגט,
צו קענען אַרומפליען אין ווייטע ספערן —
וואָלט איך יוגנט־חלומות דעריאָגן,
און פאַרלאָפענע יאָרן קענען אומקערן.

ווי דער בוים, וואָס צעבליט זיך אין פרילינג,
און באַקריינט ווערט מיט נייעם צווייט,
און די יוגנט טרוימט חלומות אין פרילינג,
ווי די בלומען, אין זומער צעבליט.

אין געראַנגל מיט דיין גורל טוסט זיך ווערן,
ווי אין האַרבסט — די זון מיטן ווינט,
דער זומער פאַרגאַנגען, איז ניט אומצוקערן,
אין דער טיפער אייביקייט ער פאַרשווינדט.

די צייט קען אַ מאָל אויך דאָס לעבן באַצירן,
און פאַרחתמענען דעם גאַנג אויף דיין וועג;
צום טאָל אָדער באַרגיקן הויך דערפירן,
אָדער בלאָנדזשען אויף אַן איינזאַמען שטעג.

נאָכן רעגן

ווען דער הימל ווערט מיט שלייער באַהאָנגען,
און פֿאַרשטילט ווערט דאָס פֿויגל־געזאַנג,
ווען עס האַלט דיך דער אומעט געפֿאַנגען,
און עס ווילט זיך פֿליען אין ווייטן גאַנג.

ווען עס טונקלט און דריזלט אין דרויסן,
און אַ כמאַרע וויקלט דיין הויז איין;
ווען עס דריקט דער אומעט דיין געמיט,
און זוכסטו אַ באַהעפֿט מיט אַ ליכטיקן שיין.

עס גיסט אין דרויסן דער רעגן,
די גאַסן — ניט אַריבערצושפּרייזן,
ווי פֿאַרנאַכט ווערן פֿינצטער די וועגן,
כאָטש רעגן ברענגט הצלחה יעדן צו שפּייזן.

די שטאָט ווערט גערייניקט, געוואַשן,
ווען אַ שטאַרקער ווינט זיך צעשטיפֿט,
און רעגנבויגן פֿון הימל זיך צעשיינט,
ווערן מענטשן פֿון שווערן געמיט געשטילט.

זיך געלאָזט אויף שפּאַציר

זיך געלאָזט אויפן ווייטן שפּאַציר,
און גיי טראָט ביי טראָט אין דער נאַכט.
די ביימער זיך וויגן און גריסן מיך,
געדאַנקען, ווי פייגל, קומען באַזאַכט.

איך שפּאַן אום אַליין אַזוי געמיטלעך, אָן ציל,
די טריט הילכן אָפּ ווי אַן עכאָ אין דער ווייט,
דער ווינט פייפט אויס אַ ניגון אין דער שטיל,
ווי עס שושקעט וועמער אין אויער ביי דער זייט.

עס פליען טרוימען וואַכיק אומגעשטערט,
דער שאָטן מיטן אומרו באַגלייט מיך אין וועג,
די לבנה מיטן פולן פּנים האָט אויפגעשיינט,
און ווי אַ שומר באַגלייט מיין וועג און מיין שטעג.

די שטערן, ווי צעשאָטענע פּערל, שוועבן אום,
זוכט יעדער זיין שטערן, ווי אַ טראָפּן גליק,
צו קענען גרייכן צום ברייטן רוים רונד אַרום,
ביז אַ ליכטיקער פרימאָרגן וועט אויפגיין צוריק.

דער ראָזעווער באַגינען

אין ראָזעווען באַגינען ווערט געבאָרן נייער מאָרגן,
און נעכטיקער טאָג איז אין דער אייביקייט פאַרגאַנגען.
מיטן בליאַסק אויף טאָג לעבט אויף דער פרימאָרגן,
ווערט פריידיק די שעה פון די פויגלשע געזאַנגען.

ביינאַכטיקע חלומות פליען געשווינד פאַרביי,
ווי דאָס וואַרעמע ווינטל, גיט ווי אַ מאַמע אַ גלעט,
און וועקט צו טאָג-טעגלעכע פליכטן פון דאָס ניי,
און משוכעסט זיך אוים — זאָל ניט ווערן צו שפּעט.

עס ווערט דיין וועזן באַנייט און צום לעבן דערוואַכט,
ווען אין ליכטיקן באַגינען ווערט געבאָרן נייער מאָרגן,
אין אייביקייט ווערט פאַרגאַנגען הערלעכע וואונדער-נאַכט,
מיטן פעסטן גלויבן ווערט געשטאַרקט יעדער פרימאָרגן.

שוימיקער אָקעאַן

דער אומרו אין הארצן, ווי דער שוימיקער אָקעאַן,
שווימט קעגן שטראָם, צו גרייכן אַ דערוואַרטעטן ציל.
גייסט אויפן גליטשיקן אויבערפלאַך, מיט פעסטן שפאַן,
ווערט די כמאַרע צענומען און דער אומרו געשטילט.

אַ טרייסט אין דער שטיל, ווערן אַלע צווייפלען צענומען,
און לאָזסט זיך שוועבן צו שעפן פון לעבנס-קוואַל.
ווערט דער טאָג, ווי מיט זונען-שטראַלן אַרומגענומען,
און דערקוויקסט זיך, ווי דער דורשטיקער, ביים וואַסערפאַל.

ווי פון געטלעכן געבאָט, ביסט פון נאַטור דאָס געשאַנק,
קומסט ווי אַן אורח, פאַר אַ ווייל צום קוואַל פון פרייד,
באַנעמסט די וועלט, באַטראַכסט אַלץ מיטן רייפן געדאַנק,
ווי עס ווערן באַטריבט די טעג און נעכט מיט לייד.

שטייסט אויפן אויבערפלאַך פון בלוי-גרינעם געוועב,
גאַרסט מיט מוט זיך דערטראָגן צום מאָרגן.
און אַוועקלאָזן זיך אויפן שפיגלדיקן וועג,
טאָ פאַרוואָס זיינען באַטריבט דיינע טעג מיט זאָרגן?

וועבט זיך אַ פרילינג

וועבט זיך אַ פרילינג אין דער לופטן,
גאָלדענע זונען־שטראַלן מיט רעגנבויגן,
טראָפּנס טוי שײַנען ווי בריליאַנטן.

די פאַרפרוירענע ערד פון שלאָף דערוואַכט,
נאַקעטע ביימער, אין גרינעם באַקליידט,
קאַלירפול דער פרילינג קומט אויף, אַ פּראַכט.

עס שפּראָצן צווײַטן און אַראָמאַטן זייַ שפּרייטן,
הייבן זאַנגען אָן קרייזן אין דער לופטן,
ווערן די ביימער באַדעקט מיט פּירות־בליטן.

פון ווייטן מחנות פייגל קומען צו פליען,
אין נײַעם פרילינג מיט ליבעם געזאַנג,
פאַר קינדערלעך נײַע נעסטן זיי פלעכטן.

אין באַגינען

אין באַגינען שיילט זיך אויס טאָג-ליכט,
צעזינגען זיך די פייגל אויפן בוים,
עס ווערט באַנייטער טאָג פריילעך באַצירט.
די נאַכט אין אייביקייט אַוועק מיטן טרוים.

אויף גרינעם טעפּיך טראָפּנס טוי, ווי בריליאַנטן,
עס ווערן די צווייגן מיט בליאונג באַקריינט,
עס כישופט דער אַרום מיט זוניקע שטראַלן,
ווערט דער מענטש באַהעפט מיט געטלעכן צויבער.

און ווען זוניק אין דרויסן, און אַלצדינג נעמט בליען,
ווערט דאָס לעבן באַנייט, הערלעכע געדאַנקען זיך שפּינען,
ווי די פעדעם פון גליק, זיך וועבן און ציען,
ווי די גוטע חלומות, אויפן וואָר צו געפינען.

דאַכט זיך ניט לאַנג

דער ווייזער פון זייגער באַוועגט זיך גיך היינט,
פאַריאָגט די טעג פון דער רוישיקער שטאָט,
אָט טרעפסטו אַמאָליקע, האַרציקע פריינד,
עס פירט דיך צוריק צום אַמאָליקן טראָט,

וואָס האָט געכישופט דאַכט זיך ניט לאַנג,
אין שטאָט ניו־יאָרק, מיט אַספאַלט און אייזן,
געטומלט דורך טעג, פולע מיט לעבנס קלאַנג
און זיך אויסגעשיילט פון המון, לענדער צו באַרייזן...

און האָסטו אַנגעטראָפן וועמען פון אַמאָליקע פריינד,
הייבסט זיך אויף ווי אויף פליגלען, צו פאַרגאַנגענער ווייטקייט,
צו יאָרן, וואָס פאַרפלויגן שוין לאַנג אין דער אייביקייט,
צו טעג, וואָס געשפּרודלט מיט לעבן, פון פאַריאָגטער צייט.

אַלע בריקן מיטן שטראָם פאַרשוווּמען ווייט,
בלויז געבליבן אין געדעכעניש לאַנג־יאָריקע פריינד,
ווען צוזאַמען געגלייבט אין אַ שיינעם מאָרגן און היינט —
און דער ווייזער פון זייגער פאַריאָגט אַזוי שנעל די צייט...

טרינק אויס די כוסע

טרינק אויס די כוסע,
כאַפּ אַ טאַנץ אַרום דעם טיש,
נאָר ניט געזאָרגט זיך,
האַלט זיך פעסט אויף דיינע פיס.

ווען דו וועסט געמאַטערט,
וועסט געטריבן, וועסט געיאָגט,
טאָ לאָך זיך אויס פון דיינע שונאים,
ניט געוויינט און ניט געקלאָגט.

זינג, זינג אַ לוסטיק ליד
פון לייד און פון פרייד,
ווער קיינמאָל ניט מיד.

פון וואָכיקן טאָג מאַך זיך אַ יום־טוב,
פלעכט זיך אַריין אין אַ האָרא־טאַנץ,
זינג, טאַנץ מיט פריידיק געזאַנג,
הענט געאָרעמט, ווי אַ בלומען־קראַנץ.

טרינק אויס די כוסע,
כאַפּ אַ טאַנץ אַרום דעם טיש,
טרינק אויס נאָך אַ גרויסע,
אָבער האַלט זיך פעסט אויף דיינע פיס.

זינג, זינג אַ לוסטיק ליד,
געדענק, דו ביסט אַ ייד,
ווער קיינמאָל ניט מיד.

עס בלאָזן פרייע ווינטן

עס בושעוועט אַ שטורעם-ווינט,
טרייסלט דעם געצעלט,
ווי אַ באַרג-געציטער אויפן וועג,
ניט צו גרייכן צו ליכטיקער וועלט.

אָבער אין ראָזעווען באַגינען,
ווען עס שיינט אויף נייער מאָרגן,
ווערן גרויע וואָלקנס צערונען,
און עס ווערן לייכטער די זאָרגן.

דאַן שיקט די זון פאַר יעדן גלייך,
גאָלדענע שטראַלן, ליכט און שיין,
ווערן פעלדער צעבליט מיט שפע אַ פראַכט,
פאַר יעדער באַשעפעניש, זאַט צו זיין.

עס נעמען בלאָזן פרישע, פרייע ווינטן,
פון דער געגאַרטער נייער צייט.
און מען דערהערט שוין נייע לידער,
פון נאָענט און פון דער ווייט.

די נאַכט

דער טאָג איז אין פּורפּור פאַרגאַנגען,
דער הימל מיט אַ שלייער פאַרהאַנגען,
די לבנה פון האָריזאָנט שווימט אַרויס,
פאַרשטילט ווערט די גאַס און דאָס הויז.

עס האָט זיך אַראָפּגעלאָזט די נאַכט,
קינדערלעך ווערן פאַרוויגט און באַוואַכט,
לבנה און שטערן לייכטן אין זילבער־געוועב
ווי שומרים זיי באַשיצן יעדן אויפן וועג.

הערלעך שיינע וווּנדערנאַכט,
זילבערט אין ליכטיקער לבנה־שיין,
אַלץ ווערט פאַרכישופט אין פּראַכט,
פאַרגעסט דעם אומער און שווערן פּיין.

סודותדיק איז די נאַכט פאַרגאַנגען,
צווישן באַרג און טאָל איז דער מאָרגן געבאָרן,
עס גייט אויף די זון מיט יוגנט־פלאַם —
און מענטשן אין פרידן זייערע פאַרברידערט געוואָרן.

גאָטס וואָרט

איבער דער וועלט איז גאָטס ליכט פאַרשפּרייט,
דער טאָג וואַכט אויף אין זוניקן פרימאָרגן,
עס פאַרבט זיך דער פאַרנאַכט פלאַמיק רויט,
ווען די לעצטע שטראַלן האָבן דעם טאָג באַגלייט.

שיינט דורך בלויע וואָלקנס די פולע לבנה,
צערטלט און גלעט, באַרואיקט די שטאָט,
אין בענקשאַפט שוועבט אום געלייטערט די נשמה,
און זוכט אַן אָפּרו אין געטלעכן געבאָט.

אין גלויבן ווערט מען פאַרוויגט מיט פרישע רעיונות,
ווי אַ מאַמע, מוטיקט און שטאַרקט מיט איר בליק,
אין צויבער-מעשהלעך וועבן זיך חלומות,
און דער שלאָף איז פאַרכישופט מיט רו און מיט גליק.

עס גיט כוחות דעם שוואַכן, דעם קראַנקן,
גיט דעם מענטש ווילן און חשק צום לעבן,
און מוטיקט דעם גיבור, דעם שטאַרקן
און רופט דעם מענטש צו גלייבן און שטרעבן.

אַ וועלט געבויט אָן מלחמה אָן וואָפן

ווען איך וואָלט געקאָנט אין די הויכן פליען,
און זאָגן אַ דעה ווי פירן די וועלט,
וואָלט איך אויסגעלאָשן אַלע פלאַמען,
און וואָלט שלום געבראַכט צו אַלע שטאַמען,
וואָלט פרידן אומעטום איינגעשטעלט.
דאַן וואָלט דאָס שלעכטס ווי רויך צערונען,
געפילן צו רשעות וואָלט איך בייגעקומען,
אַז מענטשלעך בלוט זאָל ווידער ניט פליסן,
דער מענטש זאָל פון גאָטס ברכות געניסן.
באַקעמפט וואָלט איך די, וואָס האָבן פרידן פאַרשוועכט,
האָבן פרייהייט פון מענטשן אַזוי ווילד צעשטערט,
פון דעם מענטשן געמאַכט אַ שרויף פון אַ מאַשין,
און געפירט זיין לעבן אָן יושר, אָן זין,
צוגענומען פון יעדן זיין ווילן, זיין רעכט,
דעם פרייען גייסט אויסגעוואָרצלט און פאַרשוועכט,
נביאישע רייד מיט שפּאָט אויסגעלאַכט,
פאַרביטן יושר מיט אַטאָמישער מאַכט,
געבראַכט אַנשטאָט טאָג, אַ פינצטערע נאַכט.
און וואָלט ניט געווען מעגלעך דעם מענטש צו באַקערן,
צו שלום און יושר, די וועלט ניט צו פאַרצערן,
וואָלט איך אַ מבול געבראַכט גאָר ווי אַמאָל,
פאַרטרונקען די וועלט — די בערג ווי דעם טאָל.
אַ נייע וועלט וואָלט איך דאַן געשאַפן,
אַ וועלט אָן דריקער, אַ וועלט אָן שקלאַפן,
אַ וועלט געבויט אויף שלום, אָן מלחמה, אָן וואָפן.

איך וואָלט גערן געפלויגן

איך וואָלט גערן געפלויגן אַהין,
אין גרינעם טאָל, פול מיט פרישע קוואַלן,
מיטן שטראָם צום וואַסערפאַל צו שווימען,
וווּ די געטלעכקייט מאַיעסטעטיש טוט שאַלן.

אָדער זיך טראָגן אויף בערג גאָר הויכע,
וווּ אייביקער טאָג ליגט זוניק אויסגעשפּרייט,
וווּ דער וואַלד, ווי אַ קעניגרייך, פאַרכישופט,
וווּ די זון אין האָריזאָנטן פאַרגייט פּורפּור־רויט.

פון אומעט פון שווערן ווילט זיך אַנטלויפן
און זיך לאָזן פליען אין ווייטע ווייטן,
צו יענעם זייט ברעג וווּ די זון פאַרגייט,
און ראָזעווע וואָלקנס זיך הערלעך פאַרשפּרייטן.

אַריבער מדבריות, אַריבער די ימים,
אויף יענעם זייט באַרג, צו העכסטע הויכן,
און יעדער צווייפל אין זיך אײַנצוצאַמען,
אין ווייטן האָריזאָנט דאָס גליק צו גרייכן.

צו אַ פרייער וועלט

אַ פינצטערניש, אַ שטורעם־ווינט,
קרייזט און וויקלט דעם געצעלט,
פאַרשטעלט ווערן אַלע וועגן,
צו אַ העלער, פרייער וועלט.

דורך ראָזע וואָלקנס אין באַגינען,
גייט אויף אַ שיינער נייער מאָרגן,
ווערן גרויע וואָלקנס צערונען,
און פאַרלייכטערן מענטשנס זאָרגן.

שיקט די זון פאַר יעדן גלייך,
גאָלד־שטראַלן, ליכט און שיין;
נעמט שפּראָצן און בליען קאָרן,
פאַר גרויס און קליין, זאַט צו זיין.

נעמען בלאָזן פרישע ווינטן,
פון לאַנג דערוואַרטער נייער צייט,
און מען זינגט שוין נייע לידער,
וואָס הילכן פון נאָענט און ווייט.

אין פרילינג

אין פרילינג האָט אַ וואַרעם ווינטל זיך צעשטיפט,
די בלומען געקושט און ביימער צעוויגט,
זיינען די זוימען אויף ביימער צעטראָגן געוואָרן,
מיט באַנייטן לעבן די פעלדער פאַרשפּרייט.

דער אַקער־אייזן האָט די ערד צעעפנט, צעקנאָטן,
דאָס זאמד פאַרשאַרט און לעבן געבראַכט.
האָט מען די פעלדער מיט זריעה פאַרזייט און באַלעבט,
דעם מענטשן פאַר זיין פּראַצע וועט דאָס ברויט געראָטן.

נאָכן רעגן גיי איך אַרויס אין מיין גאָרטן,
אַ מחיהדיקער ווינטל נעמט דיך אַרום דאָרטן.
זעסט ווי די ערד ווערט באַדעקט מיטן צוויט,
ווי די פרוי אין שוואַנגערשאַפט זיך צעבליט.

טעג נאָך טעג עפענען זיך קנאָספּן אין זונען־שיין,
פאַר די האָניק־פייגעלעך צו זייגן זיסן זאַפט.
די זונען־שטראַלן הילן אַלע ביימער איין,
מאַראַנצן, לעמאָן־ביימער צעבליען זיך אַ פּראַכט.

יעדער מענטש אין פרילינג, ווי נאַטור־קינד לעבט אויף,
טיף־בלויע וואָלקנס מיט ראָזעווע וויאָלעט פאַרשפּרייט.
ווילט זיך זינגען אַ ליבע־געזאַנג צום הימלס געצעלט,
צום בוראָס באַשאַף, צו דער צויבער־וועלט.

נייער מוט און נייער גלויבן

ווען דער מענטש ווערט געבויגן,
אין יאָך פון דער לאַסט,
ווערט זיין לעבן מיט אַ כמאַרע פאַרצויגן
זיין שטימונג — צו קיין זאַך צוגעפּאַסט.

ווען עס קומט אָן אַ כמאַרנער פרימאָרגן,
קומען אָבער אויך ליכטיק זוניקע טעג,
מען קאָן מוטיק ביישטיין אַלע זאָרגן,
ווען מען באַשיינט נאָר די אייגענע טעג:

ווען דער ים קילט די הייסע שטראַלן,
און איבערן לאַנד ווערט די רו פאַרשפּרייט,
ווען ראַזיק בלוי די נאַכט איז צוגעפאַלן,
און דער טאָג ווערט מיט פרייד באַגלייט.

שטימונגען

*

װען דורכן טאָג װערט דײַן װעזן פֿול מיט אומער,
און עס קומט אָן דער כמאַרנער פֿאַרנאַכט,
װענד דײַן בליק צום װײַט־װײַטן װוּנדער,
פֿון פֿאַרגאַנגענע פֿרײד נאָר דו טראַכט.

מיט בענקשאַפֿט װערט דײַן האַרץ געבונדן,
צו קאָנען גרײכן דײַן אױסגעחלומטן װעג,
יוגנט־חלומות װערן דאַן העל געצונדן
און באַשײַנען יענע הערלעכע טעג.

װען אין אָרעמס פֿון אומעט װערסט אײַנגעשלאָסן
און הערלעכע באַגערן װערן פֿאַרצערט,
בלײַבסט װי פֿון לעבן אױסגעלאָשן,
חלומסט פֿון פֿרײד, װאָס איז דיר ניט באַשערט.

װילסט זיך צום שיקזאַל ניט בײגן,
װי אַ בױער, שאַפֿן דײַן אײגענע װעלט,
װערט דײַן חלום װײַט, װײַט פֿאַרפֿלױגן,
און טוליעסט זיך צו דײַן אײגן געצעלט.

אויפן לעבנס־וועג

ווען דער מאָרגן גייט אויף אין כמאַרנעם גרוי,
און עס ווערט ניט דערפילט דיינע פאַרלאַנגען היינט,
ווען דאָס האַרץ שווער באַלאָדן מיט ווײ אַזוי,
ווען האָסט ניט קיין טרייסט פון דיין פריינד —

דאַן אויפן לעבנס־וועג צייל ניט דעם שפּאַן,
און מעסט ניט און וועג ניט דיינע טריט.
און שעפּ פון דעם קוואַל, פון לעבנס־פּלאַם,
אין זוניקן פרימאָרגן, קיין ספקות האָב ניט.

ווען קענסט ניט געפינען קיין קראַפט אין זיך,
און אויף אויבערפלאַך שווימט דיין שטרעבן,
דאַן שליס אין זיך דעם אומרו איין אויף גיך,
און פאַרשטויס ניט די טעג פון דיין לעבן.

בענקשאַפט

ווען דאָס האַרץ ווערט מיט פרייד געבונדן,
אין טרוימענדער ליכטיקער נאַכט.
חלומסט פון גרויען ווייטקייט,
און שוועבסט אין נאַטורס ווונדער־פּראַכט.

עס דערמאָנט זיך פון זוניק־בליענדע טעג.
די יוגנט מיט שיינענדע בליענדע יאָרן,
אויך מאָמענטן פון וויטאָג אין ווינטיקע טעג.
פון שטורעם און קעלט, פון פּיין און צאָרן.

פּלוצעם, אַ בענקשאַפט נאָגט דיין געביין,
פון טעג טריבע, פון צופאַלן וואָס לאַנג געשען.
און דאָס האַרץ ווערט איבערפולט
אָן רעכענונג, פאַר וואָס און פאַר ווען...

שוואַרצע וואָלקנס האָבן די זון פֿאַרשטעלט

שוואַרצע וואָלקנס האָבן די זון פֿאַרשטעלט,
אַ פֿינצטערע כמאַרע פֿאַרשפּרייט איבער דער גאַנצער וועלט,
אַ בייזער שטורעם האָט שניידנדע ווינטן צעשיקט,
און אַ גאַנצע וועלט באַהערשט און דערדריקט.

עס ליגן בלעטער און בלומען צעטראָטן,
הייזער און שולן פֿאַרניכטעט, צעשאָטן,
אויסגעריסן זיינען לעבעדיקע צווייגן פֿון אַ שטאַם,
און ווערן פֿאַרטראָגן אויף כוואַליעס פֿון ים צו ים.

וואָלקנס האָבן די זון און וועלט פֿאַרשטעלט,
שוואַרצע כוחות האָבן געזוכט צו באַהערשן די וועלט,
האָבן געהאַט ווילדע הנאה פֿון ווילסטן צעשטערן,
און מיליאָנען לעבנס אין אומקום פֿאַרצערן.

בייזע ריטער זיינען געקומען צו רייטן,
געבראַכט אויף דער וועלט גרוילזאַמע צייטן,
אַ גאַנץ פֿאָלק האָבן זיי געברענט און געבראָטן,
און אַ האַלבע וועלט אונטער חורבות פֿאַרשאָטן.

טעג פון לעבן

טעג פון לעבן שטורמען אָדער דרימלען,
צייטנווייז — אין בענקשאַפט אומענדלעכן נאָגן,
ווען די נשמה רייסט זיך צו ווייט־טיפע הימלען,
מען קען ברויזיקע טעג אַזוי גיך ניט פאַריאָגן.

דאַכט זיך אַז אַלץ איז הפקר, ווי ווינט און רויך,
און גלייבסט ניט מער אין הימלישן געצעלט,
עס ווערט פאַרשוועכט גאָטס וואָרט און זיין באַשאַף,
זעסט נאָר ערדישע תאווה אין דער גאַנצער וועלט.

די טעג שוועבן פאַרביי, די טעג פאַרפליִען,
ווי אומזיכער איז דאָס לעבן, ווען וויטיק דריקט.
אין שוואַכקייט, דאַכט זיך, קיין זאַך וועט ניט בליִען,
פון יאוש דער אָטעם ווערט אַזוי שווער געשטיקט.

ווענדסט דו די אויגן צום בלוי־גרויען הימל
ווילסטו זיך נערן מיט פרישע ווינטן און ליכט־שיין.
אין דעם שטורעם־האָגל וועקסטו זיך פון דיין דרימל,
און יעדן צופאַל פון לעבן גלידערסטו אין זיך איין.

דער מענטש

שטימונגען רעגן אויף אָדער פֿאַרוויגן,
מיט רעיונות פֿון אַמאָליקע נאָענטע פֿריינד.
טוסט ווי אין אַ שיפֿל אויפֿן טייך זיך וויגן,
ווען די זון אויפֿן וואַסער וואַרעמט און שיינט.

אויפֿן אויבערפֿלאַך שווימט אַרום דאָס לעבן,
אויף שווימיקע פֿאַלדן טראָגסט זיך מיטן שטראָם,
צו באַהערשן די אייביקייט איז דיין שטרעבן,
זיך האַלטן פֿעסט און ניט זינקען צום תהום.

איינער גייט צומאָל אויפֿן זיגזאַגיקן וועג,
אַ צווייטער שווימט קעגן שטורמישן שטראָם,
מיט ריזיקן קראַפֿט דערפֿירט זיין שיף צום ברעג,
ווי אַ געניטער קאַפּיטאַן, וואָס ווייס זיין וועג.

דער מענטש איז ווי אַן אורח, וואָס שפּאַנט אַרום,
וואַנדערט דאָ און דאָרט, אַזוי שפּינט ער זיין וועלט.
ברענגט ער נאָר גוטע מעשים אומעטום,
קומט אים אַנטקעגן אַ געלייטערטע וועלט.

דעם דיקטערס אומרו

דער אומרו אין הארצן היינט אזוי נאגט,
ווי טרויעריק דעם דיכטערס ליד עס קלאגט.
אמאל דער טרוים איז טייערער פון ווארט,
וואס פירט דיך צו א פארכישופטן ארט.
בעסער ווי פון ווערמען א לויב-געזאנג הערן,
איז אין געטלעכן הימלישן וועג זיך פארקערן,
און קענען זיך באהעפטן מיטן דיכטערס קלאנג,
און קענען גרייכן צום שעפערישן פארלאנג,
ברענגען דאס דיכטערישע ווארט וואס איז ניט דערזאגט,
וואס קען ניט ארויפשווימען צום ראנד באזאכט,
און ניט בלייבן אין מיטן וועג אזוי פארמאכט.
ווען עס באשיינט די בערג מיט בורשטין-זונען-ליכט,
קענסטו שעפן דיין געזאנג, פון שוימיקן „ראפיטס-פאלס"
וואס פליסט שוין מיליאנען יארן מיט פערלדיקע שטראלן,
ווילסטו שווימען מיטן שטראם אין דער מיט פון שוים,
פארוים צו גרייכן צום דיכטער-לאנד מיט שנעלע טריט.

פאַרצווייפלונג

אַ שטילע בענקשאַפט נעמט דיך אַרום צו אַנטלויפן ווייט,
עס ווילט זיך דיר פליען אַריבער אַלע הויכן,
ווי איינער יאָגט זיך קומען צו אַ באַשטימטער צייט —
דער ווילן צו קענען אַ באַשטימטן וועג גרייכן.

עס טרעפט, איינער יאָגט זיך אין ווייטן געלאַף,
ווי צו וועלן די אייביקייט פאַר זיך אָנצוהאַלטן,
מיט רעיונות וואָס טרייבט צום אייביקן באַשאַף,
און ווי אַ מעכטיקע שיף טוט די כוואַליעס שפּאַלטן.

עס טרעפט, ווען איינער ווערט באַלאָדן מיט אַ שווערן געשפּאַן,
און ער זעט ניט דעם אייגענעם שאָטן אויפן שטעג,
ער גלייבט, ווי שמשון הגיבור, אַז כוח איז נאָך פאַראַן,
אַז איינגעמען קען ער נאָך דעם דערנער־וועג.

בלייבסט אָבער פּלוצעם מאַכטלאָז ליגן אין בעט,
קלערסט, צי באַרעכטיקט איז דיין אומעט, דיין פּיין,
ווען אַ זוניקער שטראַל באַשטראַלט דיך און גלעט,
דערפילסטו, אַז עס וועלן נאָך קומען טעג מיט ליכטשיין.

מײַן פֿאָלק

מײַן פֿאָלק, איך קען דיך ניט באַװײנען,
טרערן װערן פֿאַרשטיקט אין ברענענדן פּײַן;
װען דו האָסט פֿאַר זיך אַלײן אױסדערװײלט,
פֿאַרװאָגלט אױף דער װעלט צו זײַן.

צװישן דערנער אין דער פֿרעמד געבױט דײַן טורעם,
און דו האָסט צו נביאישער װאָרנונג ניט געהערט,
און װען עס איז געקומען דער קלענסטער שטורעם,
געװאָרן איז גרױזאַם דײַן לעבן צעשטערט.

װערסטו אױף שײַטער־הױפֿנס װידער געברענט,
געררודפֿט און מיט געלער לאַטע געשענדט.
בלײַב איך דאָ שטײן מיט הילפֿלאָזע הענט.
עס װערט מײַן האַרץ פֿאַרװוּנדעט, צעקלעמט.

מײַן פֿאָלק איך קען דיך ניט באַװײנען,
װען גלײבסט ניט אין דײַן אײגענער מאַכט,
װען ליכט פֿון מזרח שײַנט פֿאַר יעדן אײנעם,
דורך דערנער־װעגן האָט נײַ לעבן אױפֿגעשײַנט.

שטימונגען

פֿאַרשווינדן די טעג פֿון לעבן, זיי לויפֿן אַזוי גיך,
ווי דער שוים פֿון ים ווערן יאָרן פֿאַרשוווּמען,
און דער שטימונגס-מענטש מיט וואָלקן ווערט אַרומגענומען,
ווי ווינטן זיי קומען, ווי זייפֿן-בלאָזן ווערט צענומען.

אין כמאַרנעם טאָג וויינט דער הימל מיט טרערן,
געדאַנקען פֿליען וואָלקנדיק אין חלומות-געוועב.
עס ווערן טרוימען הערלעכע איינגעהילט אין טרויער,
ווי עס ווערט דאָס לעבן פֿון שווערן יאָך אויסגעשעפּט.

און עס ווערן גיך צעריסן די צאַרטסטע סטרונעס,
און עס ווערט אַ היילקער טאָג פֿאַרשוועכט,
עס ווערט לעבנס אינהאַלט אין אָפּגרונט צערונען,
און אַ זוניקער טאָג ווערט פֿאַרבלענדט, פֿאַרשטערט.

אַ טאָג איז פאַרגאַנגען

ווי די נאָרד-שטראַלן לייכטן פאַר אַ ווייל און פאַרגייען,
ווערט דער היינט גיך אין אייביקייט פאַרפלויגן,
דער ברוייזנדער טאָג האָט מיך געהאַלטן ווי געפאַנגען,
זיינען אַלע דערוואַרטונגען מיטן פליכט פאַרגאַנגען.

זיך געיאָגט אין רוישיקן ווירוואַר-געדראַנג,
זיך ניט געקענט אָנוואַרעמען אין פרילינג, זונען-שיין,
ניט געקענט פילן די פרייד פון פויגל-געזאַנג,
פאַרשווומען אין אייביקייט אַ טייל פון מיין זיין.

דער הייסער אַספאַלט האָט מיינע טריט געמאָסטן.
געיאָגט זיך אַהיים די נייע פליכטן דערפילן.
ביז עס איז צוגעפאַלן דער בין השמשותדיקער פאַרנאַכט.
און דער טוי נעמט קילן די ערד, וואָס ליגט פאַרשמאַכט.

צייט־שטימונג

ווען עס טרעפט אין אַ שלאָפלאָזער נאַכט,
דער אומרו אויפן גלעגער האָט זיך צעשפּילט,
ווי אין שוואַרצע שאָטנס די נאַכט איינגעהילט.

איינטאָניק גרילצט די גריל איר געזאַנג,
און שטערט די נאַכטיקע רו מיט איר קלאַנג,
און דאָס האַרץ מיט טרויער ווערט געפאַנגען.

עס האָט גערעגט אַזאַ אומרואיקער באַגער,
צו באַפרייען זיך פון דער זינדיקער ערד,
און יעדן וואָס לעבט אין צוואַנג אַזוי שווער.

פון פינצטערן מיראַזש ניט ווערן פאַרצערט,
ווען מיט שווערן צוואַנג דאָס לעבן פאַרשוועכט,
ווילט זיך, ווי דער פרייער ווינט, פליען אומגעשטערט.

עס זאָל דאָס געבראָכן געמיט קענען שטילן,
עס זאָל צערונען ווערן דריקנדע געפילן,
מען זאָל קענען אויפטרייסלען דאָס גאָרע שלעכטס.

אָדער פאַרוואַנדלען זיך אין אייזן און שטאָל,
באַקעמפן די, וואָס הערן ניט דעם ווייגעשריי פון טאָל,
אויך צו קענען אויפטרייסלען דאָס גלייכגילט.

אויב אויסגעלייזדיקט זיינען אַלע אמתן, מיין פריינד,
און שוואַרצער וועט זיין דער מאָרגן ווי היינט,
ווען מען וועט פאַרגעבן אונדזערע ווילדע פיינט,

דאַן זאָל אַ מבול פאַרפלייצן די זינדיקע וועלט,
זאָל אַן עורד־ציטער אָפּטרייסלען דאָס גאָרע שלעכטס,
און אויסלייזן דעם מענטש פון שקלאַפן־געצעלט.

ביסט מיד היינט

וואָס ביסטו אַזוי מיד היינט?
צי ביסטו פון דער אַרבעט פאַרמאַטערט,
האָסט דיין ליבן שמייכל איינגעשמידט,
און דער לאַנגער טאָג איז פאַרפּטערט?

ווי דער ווינט בלאָזט אויף ברייטן וועג,
טראָגט אָן זאַמד מיט שטויב אויף די גאַסן,
אַזוי יאָגנדיק פאַרפליען די טעג,
ווי אַ שטורעם-רעגן ברענגט אַ טאָג אַ נאַסן.

טאָ בלייב ניט שטיין אַזוי באַטריבט,
און טראַכט ניט פון אַ שווערן מאָרגן,
ווען דער טאָג וועט ווערן מיט זון באַצירט,
וועלן אַוועק די טאָג-טעגלעכע זאָרגן.

מאָמענטן

מאָמענטן פון לעבן קומען און פאַרגייען,
ווי טאָג מיט נאַכט אייביק טוען זיך בייטן,
ווי די שטערן פינקלען, ווי ווינטן ווייען,
בייט זיך דאָס לעבן אין פאַרשיידענע צייטן.

מאָמענטן ווי גינגאָלד וואָס פאַרבלענדט,
אויך מאָמענטן פון צווייפלען און זאָרגן,
ווי אַן עלנטער, נאָך אַ היים בענקט,
און איז אין שרעק פאַר אומבאַשטימטן מאָרגן.

מאָמענטן אַזוי פאַרנעפּלט און שאָקירנד,
ווי געוואָרן פאַרטונקלט וואָלט ליכטיקער שיין,
ווי אַ בייזע האַנט וואָלט דעם וועג פאַרשטעלט,
און דאָס האַרץ דריקט צוזאַמען פון פּיין.

פּלוצעם, שטורעמט עס מיט בליץ, האָגל, רעגן,
עס פאַרשטילט דאָס געמיט און אָטעמסט פריי,
און עס ווערן שווערע וואָלקנס צערונען,
און עס גייען טרויעריקע געדאַנקען פאַרביי.

באַזילבערטע לבנה־נאַכט

באַזילבערטע לבנה־נאַכט,
וועקסט טרוימען, וועקסט צום לעבן,
באַגערסטו דאַן אַז דער ליבסטער,
זאָל קומען דיר אַנטקעגן.

עס שושקען זיך די ביימער,
עס וויגן זיך די בלעטער,
סודות שטילע וועבט דער ווינט,
ווי אַ שירה צו דער שעה דער שפּעטער.

עס גרילט די גריל אין זאַנגען צו,
די קו פון ווייטן מעקעט מו־ו־ו,
דאָרט אַ הונט בילט פון זיין רו,
ווען ווער צום טויער שאַרט זיך צו.

ווערט דיר אומעטיק אין דער נאַכט־שעה,
ווען אַלץ איז באַצויבערט און וווּנדערשיין,
און דער געגאַרטער איז נאָך אַלץ ניטאָ,
און זינגסט דיין ליד פאַר זיך אַליין.

אַ גאַס רעגן

עס האָט זיך צעגאָסן, צעווייגט אַ שטורעם־רעגן,
ווי טייכן וואָלטן אַרויס פון די ברעגן,
פאַרגאָסן און פאַרפלייצט אַלע וועגן.

זייגען פעלדער פאַרפלייצט, הייזער פאַרשוווּמען,
שאָף און רינדער אומגעקומען,
שווער צו אַ טרוקן אָרט צוצוקומען.

ווי נאַטור־כּוחות וואָלטן זיך מיטן מענטש געררייצט,
בייזע ווינטן האָבן זיך צעבלאָזן,
ווי דער אַמאָליקער מבול, האָט אַלץ פאַרפלייצט.

ווערן הערצער פון רחמנות געדריקט,
צום מיטמענטש וואָס פון אומגליק געטראָפן,
ווערט מיט פולער האַנט זיי טרייסט און הילף געשיקט.

עס פאַרפליען די יאָרן

די יאָרן פון לעבן גיך בליען און פאַרפליען,
ווי אָדלערס זיי שוועבן און צו ווייטקייט זיי פליען,
דורך זון און דורך וואָלקנס, מיט צעעפנטע פליגלען,
אין דער נידער און צו הייכן, צו ווייטע לענדער זיך ציען.

די יאָרן, זיי באַשיינען ווי קאָלירן פון אַ רעגנבויגן,
אָט שפרודלט מיט לעבן, אָט איז אַ וואָלקן פאַרצויגן,
אָט צעגיסט זיך אַ כוואַליע, פאַרפלייצט אַלע וועגן,
די גאַסן געוואַשן דעם שטויב פון גוסרעגן.

די יאָרן פון לעבן, אָט בליען זיי און אָט פאַרפליען,
ווי אָדלערס, וואָס שוועבן, צו אייביקייט זיך ציען.
נאָר דער מענטש קען צו זיינע געפלאַנטע וועגן דערפירן,
ווען מיט שטרעבן צו יושר וועט ער דאָס לעבן באַצירן.

דאָס ליד

שטימונגען דיך צעשטרייען אָדער פאַרוויגן,
מיט רעיונות פון אַמאָל און פאַסירונגען היינט,
ווי אין אַ שיפל אויפן ים טוסט זיך וויגן,
ווען די זון אויפן וואַסער שפּיגלט און שיינט.

דיין ליד ווי אַ חלום, פאַרבליבן פון טעג ליבע,
פאַר די קומענדע יאָרן, די קומענדע טעג,
און ווען חלילה עס וועלן קומען טעג טריבע,
ביישטיין וועט דיר דאָס און באַלייכטן דיין וועג.

שמייכלט אַ ליכטיקע זון אין דיין פענצטער,
פון אַלע שבחים קלינגט נאָך געזאַנג דער שענסטער,
און מיט געהויבענעם קאָפּ שפּאַנסטו נאָך פעסטער,
ווען מען לייענט דיין ליד, איז דער יום־טוב דער גרעסטער.

ווען דיין ליד ווערט געלויבט, פון די וואָס זינגען,
פילסט ווי אַ צפון־ווינטל דיין געמיט דערפרישט,
דיין נשמה באַרואיקט פון די טענער וואָס קלינגען,
דיין לעבן מיט רו און מיט פרידן באַזיסט.

אָפּגעהאַקטע צווייגן

דעם ליכטיקן אָנדענק פון מיינע
טעכטער לאה און פייגע ע"ה

אַ געבעט פון אַ מאַמען

רבונו של עולם, אויב דו האָסט דיין האַפט —
אין מיר איינגעפּאַסט,
טראָג מיך צו אַלע וועלט-טיילן,
צו קענען אונדזערע ווונדן היילן.

גאָטעניו, אויב מוזט מיין דמיון
צו אַלע וועגן פון צער יאָגן,
מוז איך אויך צו אַלע זיבן הימלען,
זיך קענען דערטראָגן.

צו ברענגען דאָרטן דעם יאָמערטאָל,
אַז די הימלען זאָלן זיך שפּאַלטן,
אַז דו גאָטעניו, זאָלסט פון דיין פאָלק,
דעם גזר-דין אָפּהאַלטן!

ווען די בלאַסע לבנה זאָל נידערן אַרונטער,
וואָלט געוואָרן צונטער רויט פאַר שאַנד,
עס וואָלט דער רוים מיט שטורעם
אויפבליצן אין ווידערשטאַנד.

רבונו של עולם, טראָג מיך ווי אַ מאַמען,
ווי דעם ווינט אויף אַלע זיבן ימים,
צו קענען אונדזערע פאָלקס-יתומים אַרומנעמען,
און זייער צער און טרויער איינצאַמען.

זיי שיקן טרייסט און קענען היילן די ווונדן,
און קענען שטילן דעם שרעקלעכן צאָרן,
אין די געטאָס, פון מיליאָנען קדושים,
וואָס זיינען פאַרן פאָלק פאַרלאָרן.

רבונו של עולם, גיב מיר די כּוחות,
צו זוכן דעם תיקון אין מענטשן,
צו קענען שיקן זיי נייעם גלויבן,
און מיט אַלעם גוטן זיי קענען בענטשן.

גאָטעניו, אין אָנדענק פון מיין ליבסטער,
אויסגעלאָשענער יונגער גליד,
זאָל איר זכות פאַר זיי ביישטיין,
און געבראַכט ווערן טרייסט און גליק.

אַ פאַרשטערטער פּסח

אין אָנדענק פון אונדזער טאַכטער לאהלען

גאָט, אפשר זינדיק איך מיט מיין פאַרשפּעטיקט געוויין,
אפשר דאַרף איך דאַנקען און לויבן דעם רבונו של עולם,
פאַר די געזונטע און געשענקטע יאָרן אירע אין נחת רוח,
אפשר טאָר איך ניט בענקען נאָך מיין פאַרלאָרענער גליד,
און ניט וועקן איר, לאָזן איר רוען אין אייביקן שלאָף,
וואָס איז אויסגעלייזט געוואָרן פון נישטיקער וועלט,
אין איר אָנדענק, מיט געבעט ציטערן איבער דער גאַנצקייט,
פון דער פאַמיליע, אין תהו ובוהו ניט פאַרצערט ווערן,
נאָר שווער זיינען די טעג אין קאָשמאַר פון אָבלות.
זאָל נאָר די קומענדע טעג ניט פאַרשטערט ווערן.

ציען זיך געדאַנקען וואָגיקע אין די וואָכעדיקע טעג,
זעסט די ווירקלעכע געשעעניש אין שלאָפלאָזע נעכט.
עס איז שווער צו מאַכן דעם יום-טובדיקן אָנשטעל,
ווען אַפילו לפנים ווענן, פאַר אייגענע און פריינד.

איך הער דיין שטים אין הויז זאָגן ווי שטענדיק,
ניט געזאָרגט, עס איז מיר שוין בעסער, גאָר גוט,
מיט מוט גרייט צו דעם אמתן יום-טוב פון כל טוב,
אָט אַזוי טו אָן דאָס קלייד דאָס שענסטע, ווי שטענדיק.
און גרייט דעם לאַנגן טיש, און טרינק דעם כוס ווייַן,
פאַר דער פאָלקס-באַפרייונג פון קנעכטשאַפט, פון מצרים,
און היינט, פאַר דער פאָלקס-באַפרייונג פון איצטיקן פיינט.
אַרום טיש עס קלינגט דיין וואָרט און עס שטאַרקט דער טראָט.
עס ברענגט טרייסט דיין ליכטיקער אָנדענק, קינד מיינס
און עס שוועבט דיין גייסט ביים זייט, אַרום דעם כוס.
דאַכט זיך, ביסט מיט אונדז ביים געגרייטן סדר-טיש היינט.

אַ מאַמעס טרערן

עס וויינט דאָס האַרץ מיט זודיק בלוטיקע טרערן,
אויפֿן פֿרישן קבר פֿון אויסגעלאָשענעם שטערן,
פֿאַר וועלכע זינד קען באַשטראָפֿט דאָס לעבן ווערן,
פֿאַר וואָס אַזאַ גזר־דין אַ יונג לעבן צו פֿאַרצערן.

דעם צווייטן קרבן דיר גאָטעניו אַוועקגעגעבן
פֿונקט צום דרייצנטן יאָרצייט פֿון מיין ערשטלינג.
ווי קען מען דערגרענצן ביידנס ניט אויסגעלעבט לעבן,
און אומגיין אַ תוהו־ובוהו, און טרערן שלינגען.

קען טרייסטן פֿאָלקס־וואָרט: גאָט האָט געגעבן, גאָט האָט גענומען.
דאַרף איך אָננעמען פֿאַר גוט דעם שיקזאַל פֿון יעדן שטראָף,
און ציטערן, פֿלאַטערן איבער די פֿאַרבליבענע, ליב אַרומנעמען,
און מוטיק טראָגן דעם צער און צאָרן ביזן אייגענעם סוף?

אין אָנדענק

עס וויינט די שטאָט טייכן טרערן, אין טעג פון טבת,
מענטשן, ווי שאָטנס, זינלאָז שאַרן זיך אין כמאַרע אַרום.
אין טרויעריקן קאָשמאַר פאַרגייען די טעג פון אָבלות.
ווען עס פלעמלט די יאָרצייט-ליכט נאָכן אייגענעם גליד,
און פּאָר די נשמות פון אונדזערע קדושים אומעטום —
ניט זיי פילן דעם חורבן, ניט זיי טראָגן פון דור די זינד.
ווען דיין האַרץ וואָלט געווען פון אייזן שטאַרק, מיין קינד,
וואָלסטו ניט געקענט זען דעם אונטערגאַנג פון פאָלק.
דיין יונג לעבן האָט נאָך ליבע געגאַרט און געגעבן,
מיט ליכט די הערלעכע געפילן געצונדן און צעפלאַקערט,
געוואָלט דערגרונטעווען צו דער טיפעניש פון יעדנס נשמה,
אום צו זוכן דאָס הערלעכע פון מענטש און וועלט.
ווי אַ בלום פון שטעכיקע דערנער, ביסט אַרויס אַ געלייטערטע,
און גייסט און פרייד אונדז פאַרשפּרייט מיט דער פולער האַנט
אין נחת, ביז אויסגעלאָשן איז געוואָרן אונדזער שטראַל ליכט.
עס צאַנקט בלויז אַ פלעמעלע, אין דעם האַרצן צו שטאַרקן זיך,
דיין אָנדענק, ליבינקע, וועט אייביק פאַרבלייבן דער וועגווייז.

יאָרצייט־טאָג

עס האָט אַ פינצטערע כמאַרע,
זיך אַראָפּגעלאָזט היינט,
אויפן זוניקן לאַנד.
ניט קיין רעגן, ניט קיין שניי,
אין דעם טונקעלן ראַנד
פאַרצויגן וואָלקן גרוי.
עס דריקט דער טרויער,
מיט אומעט אין האַרצן —
אומעטום טונקל אַזוי.
אין טאָג פון יאָרצייט,
דריקט דאָס האַרץ מיט ווייַ.
די שטוב, די גאַס, דער הימל,
טרויערט היינט אויך מיט,
אויפן שיקזאַל פון מענטשנס לייד,
פאַרן פאַרלאָרענעם צווייט.
די פאַרבליבענע טאַטע־מאַמע,
שטייען און קלאָגן נאָך די גלידער,
וואָס פאַרשניטן זיינען געוואָרן,
אין די בליענדסטע יאָרן...
שטייען מיר ביידע פאַרקלעמט,
אויפן פעלד, פול מיט קברים פאַרשפּרייט,
ווי דער עלנטער פאַסטעך אין פעלד
טרויערט, ווען וועלף האָבן פאַרצוקט
זיינע שאָף און רינדער ביי נאַכט.
אַזוי ווערט די ווונד נאָך גרעסער,
ווען עס קומט דער חודש טבת
דער טרויער פאַר אָפּגעשניטענע לעבנס,
פון אַזוינע זעלטענע קינדער,
וואָס האָבן פאַר יעדן פרייד געגעבן.

יאָרצייט־ליכט

איך צינד דאָס דריטע יאָרצייט־ליכט היינט,
נאָך דיר, מיין ליבסטע ערשטלינג,
דיין הערלעכער אָנדענק שיינט.

דער הימל באַוויינט דאָס אויסגעלאָזן לעבן,
וואָס האָט מיט פונקען ליבע געשפּרייט,
און געמוטיקט יעדנס וועזן.

פון גרויע וואָלקנס עס פאַלן דראָבנע טרערן,
מיט טרויער און אומעט מיר ווערן געבונדן.
ביזן לעצטן אָטעמצוג וועט צער געשטילט ניט ווערן,

פאַרן הערלעכן יונגן ניט אויסגעלעבטן לעבן,
וואָס האָט פונקען געצונדן און מיט ליכט באַשטראַלט,
געוועקט יעדן איינעם מיט גלויבן און שטרעבן.

ביים קאַלטן שטיין איך לייען דיין נאָמען דורך טרערן,
איך שטיי פאַרגליווערט, יעדן צווייטן טאָג פון חודש,
אין צווייטן טאָג פון אָנהייב יאָר — דיין רו ניט צו שטערן.

איך צינד דאָס דריטע יאָרצייט־ליכט, טאָכטער מיין,
דיין צאַרטער שמייכל וועט פאַר מיר אַ וועגווייזער זיין.

אויף אייביק

אויף אייביק איז מיין איך פאַרקנופּט —
מיט דיינעם, קינד מיינס.
איך טראָג דיין ליבן אָנדענק, ווו איך גיי און שטיי.
דיין געדעכעניש איז אין מיר פאַרבונדן,
מיט דיינע יאָרן ניט אויסגעלעבטע.
ווען דיינע טעג און וואָכן האָבן זיך געריסן צום לעבן,
האָסטו זיך געוואָלט אַרויפהייבן ווי פון צוואַנגען;
האָט אַ מופע כמאַרע אויף מיינע טעג פאַרהאַנגען,
דורך טעג דיינע געמאַטערטע און יאָרן פאַרפּטרטע,
האָט אין ווייטאָג מיין האַרץ זיך געצאַפּלט,
קינד מיינס.
אין שווערע חלומות האָט די נשמה איבער דיר געפלאַטערט.
בלויז דיין צאַרטער ליבער שמייכל האָט מיך געשטאַרקט.
ביז איך האָב דערזען דאָס געראַנגל מיטן מלאך־המוות.
אויסגעלאָשן לעבן, קינד מיינס.
צאַרטע בלום, וואָס האָסט וועלטס צאָרן איינגעזאַפּט,
און מיט פולער מאָס געוואָלט שטילן יעדנס פּיין.
גערופן, געמוטיקט, אַ בעסערער מענטש צו זיין.
און זיך אליין — אַ טראָפּעלע גליק פון יענעמס וואַרעמען שיין.
קוואַלן גאַנצע פון צער און פאָלקס־צרות,
האָסטו איינגעזאַפּט און צעוויטיקט דיין קראַנק האַרץ.
ביז די כוחות האָבן זיך אויסגעשעפּט פון לעבן,
און די צאַרטע סטרונעס פון האַרץ צעריסן.
האָבן אַלע ליכט־קוואַלן פאַר אונדז זיך אויסגעלאָשן.
ניט איין מאָל אין יאָר דער אָנדענק־ליכט,
נאָר יעדן צווייטן טאָג פון חודש, פלעמלט דיין אָנדענק.
שיינט אויף, איך ווער באַהעפט אין קרובהשאַפט.

מיט וועלטס טרויער, מיט מיליאָנען מתים־קדושים...
איך זוך אויפֿן קאַלטן גראַניט, צווישן אַלע דיין נאָמען,
און שטום איז דער קאַלטער שטיין צו ענטפֿערן: פֿאַר וואָס,
פֿאַר וואָס איז אַזאַ לעבן פֿאַרשניטן געוואָרן.

ווי און ווינד

אין אָנדענק לאה און פֿייגל

ווי און ווינד איז טאַטע־מאַמען,
וואָס האָט אַ דערוואַקסן קינד פֿאַרלאָרן,
דעם טרויער אין הארצן ניט צאַמען,
אין אַנגסט פֿליען די טעג און יאָרן.

פּלוצעם, נעמט גאָט דאָס צווייטע קינד אַ קרבן,
און שיקט אויף אונדז דעם גזר־דין אַראָפּ,
ווי דער שיקזאַל וואָלט פּלאַנירט די זאָרגן,
ווי אַ שטיין פֿון באַרג פֿאַלט אין דיין קאָפּ.

שטייען מיר ביים קאַסטן פֿון גראַניט —
מיט בלומען אין וואַז, באַפּוצט זייערע נעמען,
קאַפּען זודיקע טרערן און דריקט דאָס געמיט
אַזוי שווער איז דאָס אומגליק צו באַנעמען.

אונדזער לעבן

אונדזער נייע היים

גרין איז דער דרויסן, אַלץ צייטיק, אַלץ בליט,
נאָך דעם הייסן טאָג אַ רעגן דערפרישט,
דער גאָרטן אין שפּראָצונג, מיט אַראָמאַטן פון צווייט,
די בלעטער פון בלומען דער ווינט האָט צעשטיפּט.

די פרוכט-ביימער פול מיט קנאָספּן צעבליט,
פון ווינט, ווייסע מאַראַנצן-פליטערלעך שפּרינגען,
אַ בלויאינקע פייגעלע מיט גראַציע עס פליט,
רעגט די נשמה, אַ לויב-געזאַנג דעם בורא זינגען.

מיין קליינע היים, מיין פּאַלאַץ, אויסגעפּוצט שיינט,
ווילט זיך אויסציען לאַנג אַזוינע טעג פון לעבן,
די טיר פאַר יעדן אָפן ווי שטענדיק אויך היינט,
ווי די וואַרעמע זון מיט ליבע, באַגריסט מען אַ פריינד.

אונטערן שאָטן פון בוים זיץ איך און טראַכט,
ווי שיין די נאַטור איז, ווי שיין דעם בוראס באַשאַף,
כישופדיק איז אַפילו אין בלוי-גרויען פאַרנאַכט,
וועקט דיך אויף דער שטורעם פון עראָפּלאַנען-געלאַף.

אונדזער לעבן

צו מיין חברס געבוירנטאָג

באַזינגען דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן
קענסט ניט אין פּערז אָדער קלאַנג,
ווייל ריטעם און קלאַנג צאַמען נאָר איין
אַלץ וואָס גייט גלאַטיק און פיין.

טראַכסטו פון פאַרבנרייכן, אמתן לעבן
נעמט אַ קראַפט דיין וועזן אַרום,
אין דמיון פירסט זיך, דורך בערג און טאָל,
און קרייזט דעם ווייטן און ברייטן רוים אומעטום.

רונד אַרום זיינען משופּעדיקע שטיינער,
וואָס מאָלט זיך ווי קוביסטיש גאָר אויס,
דערקריכן צום שפּיץ קען ניט קיינער
ווייל אַלע וועגן דאָרט לאָזן זיך אויס.

באַגערסטו דאָס אומענדלעכע שטרעבן,
ווי אַ געטולעך געפיל פון אייביקן זיין,
זיך באַהעפטן אין ליבע און פריידיקן לעבן,
אַ לעבן אָן זאָרג און אָן פיין.

צוזאַמען געגאַנגען

געאייניקט אויפן לעבנס־וועג,
זיינען מיר ביידע געגאַנגען,
צוזאַמען אין לייד,
צוזאַמען אין פרייד.

צוזאַמען געקעמפט און געליטן,
צוזאַמען געהאָפט און געשטרעבט:
צוזאַמען אין פריידן געלעבט
און הערלעכע חלומות געוועבט.

צעבליט און געוואַקסן פון אַ גאָרפריער יוגנט,
קעגן דעם שטראָם געגאַנגען האַנט אין האַנט,
ווען ברויזנדע כוואַליעס האָבן געשטורעמט,
איז לייכטער דער גאַנג געווען אונדז ביינאַנד.

פעלזיקע בערג און דערנער בייגעקומען,
שטיינער צענומען און בלומען פאַרזייט,
דאָס נישטיקע קליינלעכע געזוכט בייצוקומען
און ליכט און פרייד מיט עקשנות פאַרשפּרייט.

זיינען מיר געקומען צום ברעג פון יאָרן געטראָגן,
פון געוועבטע חלומות צום וואָר זיך דערשלאָגן,
שטייען מיר נאָך פעסט אויפן וואַקלענדן באָדן,
מיר וועלן דערגרייכן, מיר וועלן דעריאָגן.

אויב, חלילה, מיר ווערן אין וועג אויסגעשעפּט,
אונדזער פאָלק מיט ליבע ווייטער צו דינען,
זאָל אונדזער יוגנט דעם חלום וואָס מיר האָבן געוועבט,
אין קאַמף פאַר זייער פאָלק, זייער גליק געפינען.

דו האָסט מיך אין מיין יוגנט געטראָפן

דו האָסט מיך אין מיין פריער יוגנט געטראָפן,
די זון האָט דאַן ליבלעך און וואַרעם געשיינט,
דער אומרו איז פון מיר באַלד אין גאַייל אַנטלאָפן,
מיט ליבשאַפט האָסטו האָסטו מיך געגריסט, מיין פריינד.

מיר האָבן זיך אויף ווייטע וועגן אָנגעטראָפן,
מיט רעיונות פון יוגנט באַגלייט און באַזאָכט,
ווי אויף פליגלען זיינען מיר געפלויגן, געלאָפן,
אַזוי זיינען אַוועק יאָרן פון יוגנט אַ פּראַכט.

אונדזערע הערצער האָבן מיט יוגנט געשטורעמט,
צו אַ ברייטן וועג פון לעבן זיך צוזאַמען געלאָזט,
אין ווייטן געלאַף זיך געיאָגט געאָרעמט,
צוזאַמען אויף פעלדזן און בערג געקלאַמערט.

צוזאַמען מיר האָבן בלומען געזייט און געשניטן,
צוזאַמען פון לעבנס דערפאַרונג פּערל געקליבן,
צוזאַמען אין שטורעם די פאַלשקייט באַשטריטן,
דורך די יאָרן מיר זיינען ווי אין יוגנט פאַרבליבן.

מיר האָבן געשפּאַנט אויף פעלדער הארטע און ווייכע,
געהאָפט און געשטרעבט צו די העכסטע הייכן,
איבער דערנער און וועגן און צאַמען הויכע,
אָפט קעגן שטראָם, דעם תיקון צו גרייכן.

מיט אָפענע אויגן דעם לעבן באַטראַכט,
געוואַלט זיך באַקאָנען מיט נאָענט און ווייט,
וואָס האָבן אָבער די יאָרן אונדז נייעס געבראַכט?
צייכנס אויפן פנים, געשטעמפּלט פאַר דער צייט.

אין ליכטיקן אָנדענק פון מיין טאַטן

דיין ליכטיקן פּנים וועל איך שטענדיק געדענקען;
נאָך דיינע תּפילה-געזאַנגען וועל איך אַלע מאָל בענקען,
מיט דיין שטיין שמונה עשרה, מיט דיין לייגן די תּפילין,
האָסטו אין מיר איינגעפלאַנצט אמת יידישע געפילן,
האָסט מיט הארציקע רייד צו מיין פאָלק מיר געבונדן,
מיט ליבשאַפט צו יושר דאָס הארץ מיר געצונדן.
ביסט געווען שטאָלץ צו זיין אַן אמת ערלעכער ייד,
און פון דער משפּחה ריינעס, אַ גאָר נאָענטער גליד.
מיט דער האָפענונג פון חדש ימינו כּקדם געלעבט,
צו אַן אייגן לאַנד אין ציון האָסטו געשטרעבט,
איז אין מיר די ליבע צו ישראל געבליבן,
זוכה געווען צו זען ישראל-העלדן, דעם שונא באַזיגן.
דיין ליבע צו ציון איז געבליבן אין מיין געביין,
כ׳וועל דיך געדענקען מיט ליבע ביזן טאָג פון מיין פאַרגיין.

די מאַמע

די זון איז פאַרגאַנגען, דעם טאָג מיטגענומען,
געקומען די נאַכט אין געוועב פון איר טרוים.
די פייגל שוין לאַנג צו די נעסטן געקומען,
מיט שטילע טרעלן זיי זינגען אויפן בוים.

אין דעם אַלט קליינעם שטיבל, צווישן די ביימער,
ניט געקלערט פון טאָג-טעגלעכע זאָרגן,
אין גאָרטן ביימער מיט זאַפטיקע פּירות —
צו וואָס זאָרגן פאַרן קומענדן מאָרגן?

עס זיצט די מאַמע, אַזוי שטיל און פאַרחלומט,
זי קוקט טיף אַריין אין דער בלוי-שטילער נאַכט;
די בלאַסע לבנה באַזילבערט איר פּנים:
עס שפּיגלט די מאַמע אין איר געטלעכן פּראַכט.

געדאַנקען שיינען אויף, ווי די זון נאָך אַ רעגן,
זיי דערמאָנען אָן צייטן, שוין לאַנג, לאַנג אַוועק.
טרוימען פאַרגעסענע איר קומען אַנטקעגן,
טרוימען באַצויבערטע, ריין אָן אַ פלעק.

טרויער מיט פריידן מישן זיך צוזאַמען,
ווי טויבן, די יאָרן זיינען געפלויגן פאַרביי,
שאָטנדיקע און גוטע דערמאָנט עס דער מאַמען,
איר יוגנט שווימט אויף, ווי אַ חלום, פון ס׳ניי.

דאָס יידישע וואָרט

דאָס יידישע וואָרט — טאַטע־מאַמעס וואָרט,
געהייליקט אין פרייד און יסורים,
ביסט מיר בייגעשטאַנען אין יעדן אָרט
אין זוניקע טעג און נעכט פול מיט שטורעם.

האָסט מיר אין כמאַרנע טעג אויפגעשיינט
אויף ליכטיקע און טונקעלע שטעגן —
האָסט ליכטיק געמאַכט מיין נעכטן און היינט,
פאַרשפּרייט דער מאַמעס לשון אויף אַלע וועגן.

ווי גאָטס אַ ברכה האָסטו מיר אָראָפּגעשיינט,
צו דעם קוואַל פון דער מאַמעס ירושה,
אין מיר ליכטיקע פונקען אויפגעשטראַלט,
פון ליבע, פול מיט פרייד און קדושה.

שבת צו נאַכטס אין דער אַלטער היים

דער שבת קודש פאַרגייט אין בין השמשות שעה,
די הערלעכע זון פאַרשווינדט אין פלאַמען אָט דאָ,
און לאָזט זיך אַרונטער אונטער די וואָלקנס גרוי,
און פאַרבט דעם הימל, ראָזע, וויאָלעט און בלוי.
דער טאָג געזעגנט זיך, מיט אָנקומענדער נאַכט,
פאַרשווינדט איבערן באַרג אין געטלעכן פּראַכט.

די מאַמע הייבט אָן „גאָט פון אברהם" זאָגן,
דער טאַטע ברענגט ווייַן און הבדלה — ליכט צו טראָגן,
שוין אָוועק דער שבת, עס קומען וואָכיקע זאָרגן.
וואָס איז אונדז באַשערט פאַרן קומענדן מאָרגן?
צי וועט רבונו של עולם אונדז שיקן הצלחה?
צי וועט אונדזער מזל זיין געבענטשט מיט זיין ברכה?

„אַ גוט-וואָך אייך" זאָגט דער טאַטע צו יעדן אין הויז,
און ער גייט הערן דעם מגיד אין דעם אַלטן קלויז.
די מאַמע גרייט שוין פאַרן שלוש סעודות דעם טיש,
פון כל-טוב, וואָס איז פאַרבליבן פון דעם שבת-טיש.
דער טאַטע אַ באַגייסטערטער פון שול קומט צו גיין,
דערציילט פון דעם מגיד, וואָס האָט גערעדט אַזוי שיין.

בנעימותדיק, דערציילט ער פון מגידס משלים דעם מיין,
אַז גאָט וועט העלפן, ער קען דאָך אונדזער נויט פאַרשטיין.
זעצט מען זיך עסן שלוש סעודות דאַנקענדיק גאָט,
פאַר די חסדים וואָס וועלן נאָך קומען מיט זיין געגנאָד.
און די קינדערלעך אין הויז, זיי שטיפן שבת פאַר נאַכט,
און טאַטע-מאַמע, זיי זיצן פאַרזאָרגט און פאַרטראַכט.

װעלט און מענטש

ליכט און שאָטן

ווי עס טרעפט זיך אַמאָל...
די וועלט איז פאַרגאָסן מיט אַ ליכטיקן שיין
און מיט פרייד איז באַלויכטן דער טאָל,
דאָס לעבן שיינט אויף ווי די זון נאָך אַ רעגן,
מיט וווּנדערבאַרע פאַרבן פון אַ רעגנבויגן.
איז פלוצעם אַ כמאַרע אַראָפּ אויף אַלע וועגן
און מיט אַ גרויען שלייער דעם רוים פאַרצויגן.
ווי עס טרעפט זיך אַמאָל...
די לופט מיט זאַמד און שטויב וויברירט.
אַ בייזער ווילדער שטורעם רייסט אויף דעם באָדן,
ווי גאָט וואָלט כעסדיק פון אָרט זיך גערירט,
ווי ביים ברענענדן סנה, פונקען פייער געצונדן
און די ערד ווערט צעטרייסלט און פאַרוויסט.
דער מענטש ווערט פון בייזן גייסט געבונדן.
ווי עס טרעפט זיך אַמאָל...
אַ שטורעם אין האַרבסטיקע און ווינטער־טעג,
ווינטן די ביימער און די הייזער צעוויגן,
עס דריי טזיך אַלץ אין ווירוואַר אויפן וועג,
אויף די פעלדער ליגט דער קאָרן צעטראָטן,
בלומען און בלעטער אָפּגעריסן און צעוואָרפן,
עס ליגן פייגל פון שטורעם געטראָפן.
ווי עס טרעפט זיך אַמאָל...
ווען דונער און בליצן האָבן דעם טאָג פאַרבלענדט,
אַ באַרג האָט זיך אָפּגעשיילט און צעברעקלט,
עס האָט פאַרשאָטן און פאַרשטעלט דעם וועג.
לאָזט מען זיך ראַנגלענדיק שווימען צו אַ פרייען ברעג,
עס ווערן פון רעגן די גאַסן פאַרפלייצט,
און עס לייטערן אויס זיך די קומענדע טעג.

ווען מען אַרט עס?

ווען מען דאָס לעבן איז ליב און טייער,
אין ווען מענס האַרצן טליען פרייהייטס-פונקען,
און צינדן דעם גלויבן, ווי אַ פאַקל פייער —
טוט מיטן האַנט אַ טרייסל דאָס גאַרע שלעכטס,
טוט גיך דעם פעסטן טראָט אַ שטעל
און אויס מיט זאָרג פאַר וועלטס שמערץ.

ווען מען אַרט עס, וואָס פּראָפּעלערס רוישן אין דער וועלט,
מיט שרעק צעפּאַטלען און צעטרייסלען דעם אוניווערז,
ווען סאַטעליטן זיך דרייען אין הימלס געצעלט.
דער הימל פאַרכמאַרעט זיך אין טיפע מחשבות
ווען פון גרויער ערד קומען אַזוינע שטאָפּעטן,
און פליען צו די הימלען מיט בייזע כוונות.

דרייען זיך לבנהלעך ווי אשמדאים אין הימלס טויער,
און פליען פלינק אַרום דער וועלט ווי טייוואָלים בייזע,
און קומען צוריק, אָדער פאַלן צו דער ערד דער גרויער.
די שטערן, מיליאָנען אויגן, קוקן צום ווילדן געלאַף,
די לבנה קוקט פאַרגאַפט און זילבערט העלער די נאַכט,
שמייכלט, וואָס מענטש וויל זיך פאַרמעסטן מיט גאָטס באַשאַף.

פאַלשע געטער

אין די צייטן פון היטלער און סטאַלין

עס שטורעמען פאַלשע געטער אין דער וועלט,
פאַרוויסטן אומעטום גראָז און בלום,
רויט און שוואַרץ האָבן די ליכט פאַרשטעלט,
און מיט צאָרן וואַרפן זיי ריזן־ביימער אום,

איבער דער וועלט איז אויסגעגאָסן גאָטס צאָרן,
פאַרשטיקט זיינען געוואָרן מענטשלעכע געפילן,
פאַרצערט איז דאָס צאַרטסטע קינד געוואָרן.
טאָ ברענג אונדז, גאָטעניו, כוח און שטאַרקן ווילן,

צו קענען אָנהאַלטן דעם לעבנס גלייכגעוויכט,
פון גרויזאַמען גורל ניט ווערן צעמאָלן,
און גרייכן צו אַ שטעג, צו אַ שטראַל ליכט,
קריכנדיק איבער דערנער, בערג און טאָלן.

צו באַפרייען פון זומפּ דעם מענטש דאָרט,
און פריש לעבן זאָל אָנהייבן פליסן,
דערהייבן דעם מענטש צו אַ באַפרייטן אָרט —
ער זאָל קענען מענטשלעכע פרייהייט געניסן.

ווען מען ס'שולד?

ווען דער גאָרטן איז אומדערפאַרן געפּלאַנצט,
און דו קענסט ניט שניידן די פּרוכט,
איז דאָס וועמענס שולד?

ווען דער שטורעם האָט צעריסן דאָס פעלד,
און די תבואה פאַרדאַרט פון ווינט און קעלט,
איז דאָס וועמענס שולד?

ווען בלייבסט שטיין ביים טיר, פאַריאושט, פאַרקלערט,
אין אומעט און צער דיין געמיט איינגעשלאָסן
און אַלע ערלעכע באַגערן, אין צווייפל פאַרצערט,
איז דאָס וועמענס שולד?

ווען הערלעכע טרוימען ווערן ווי רויך צעגאַנגען,
און מען פאַרשווועכט דיינע טעג פון פריידיקע פאַרלאַנגען,
גאַרסט נאָך גליק און ליבע געפינען,
און הערלעכע חלומות אין די נעכט צו שפּינען,
געפינסטו נאָר צער און שטענדיקע זאָרגן,
און דערוואַרטסט מיט אומעט פאַרן קומענדן מאָרגן,
איז דאָס וועמענס שולד?

פאַשיזם

די וועלט איז דערשיטערט, די וועלט איז געפּלעפּט:
די הענט, וואָס האָבן געזייט און געוועבט,
די הענט, וואָס האָבן געבויט און געשמידט,
ווערן דורך צוואַנג און דורך הונגער דערשעפּט.

די קאַנאָנען, וואָס מיר אַליין גיסן,
די ביקסן, וואָס מיר אַליין מאַכן ,
די שפּיזן וואָס מיר אַליין שמידן —
גענוצט קעגן שוואַכן און מידן.

אַ ווולקאַן

אין פּאַניק לויפן די מענטשן אָן צאָל,
אַנטלויפן פון טויט, פון פייער־שפּייענדן ריז,
זיי לויפן פאַרצווייפלט צום נאָענטן טאָל,
זיך רעטן פון נאַטורס ווילדן קאַפּריז.

ערד ווערט געעפנט און ס׳ווערן איינגעשלונגען
הייזער און מענטשן, אַלץ ווערט פאַרפאַלן.
עס פלאַקערט דער באַרג, דער הימל אָנגעצונדן,
הרוגים וואַלגערן זיך אויף דעם חרובן באָדן.

עס האָט בליץ און פלאַם די ערד פאַרשלונגען,
דונער און שטורעם — די ערד פאַרקלונגען,
פון הייסער לאַווע זיינען די שטיינער צערונען,
פון פּאַניק און שרעק — די מענטשן אַרומגענומען.

ווען איינגעשטילט ווערט דער נאַטורס צאָרן,
ווערט דאָס לעבן אויף חורבות, ווי נייגעבאָרן,
די מענטשן בויען זיך נייע נעסטן —
מיט נאַטורס כוחות זיך ווידער צו פאַרמעסטן.

אַ הוריקאַן

אַ גרויסע כמאַרע האָט דעם הימל פאַרצויגן,
ווינטן ווייען מיט יאָמערדיק געוויין;
גראָז און צווייג ליגן איינגעבויגן,
לויפן מענטש און פויגל, גרוים און קליין.

טראָגן זיך וואָלקנס פון ווייטע ווייטן,
עם דונערט און בליצט מיט שטיקער פייער;
פליען מחנות מענטשן אין אַלע זייטן,
צו באַשיצן דאָס לעבן, וואָס איז נאָך טייער.

פליגן זשומען, בינען בייסן,
פייגל פליען פון צעשטערטע נעסטן,
דונער און בליץ די הימלען רייסן,
מענטש קען ניט קעגן נאַטור זיך מעסטן.

ציטערט מענטש, און חיה אין וואַלד,
אין פאַרצווייפלונג און מיט קומער,
עם דריקט דאָס האַרץ מיט אומעט באַלד,
ווען ס'פאַלט אַ בוים, געטראָפן פון דונער.

דאָס לעבן אַליין

די קינדהייט ווערט פאַרשוווּנדן אין גיאייל
ווי דער פרילינג פאַרשווינדט נאָכן ווינטער,
די יוגנט גייט אויף ווי אַ חמסין פאַר אַ ווייל,
און ווי די זון אַ פאַרנאַכט גייט זי אונטער.

קומט אָן דער האַרבסט, דער הימל פאַרשטעלט,
די מענטשן, ווי בלומען, זיי ווערן פאַרוועלקט,
דאָס לעבן ווערט שווערער, עס פעלט ניט קיין לייד,
אָט קומט שוין די עלטער, אָפּטער אָן פרייד.

שפּינען זיך פעדים פון פרייד און פון זאָרגן,
עס וועבן זיך חלומות פון טעג און פון יאָרן,
געדאַנקען זיי פליען, ווי פייגל אין הימל,
פון פרייד און פון צער, פון חלום און דרימל.

דאָס לעבן

מענטשן ווי אָפּגעריסענע בלומען,
זיי בליען, שיינען און פאַרצערן,
קומט אָן דער שווערער ווינטער אין לעבן —
אַלץ פאַרוועלקט, אוים קאַמף, אוים שטרעבן.

יוגנט איז פרילינג און בליאונג,
מיטל-עלטער שיינט אָפּט מיט ליכטיקע שטראַלן,
קומען אָן האַרבסטיקע ווינטן, מיט שטורעם,
און די רויטקאָלירטע בלעטער הייבן אָן פאַלן.

פאַרפלויגן יאָרן, אָפּגעלעבט, אויסגעשעפּט,
מיד פון טאָג-טעגלעכן שווערן עול,
ווערט דאָס לעבן פיזיש, גייסטיק אָפּגעשוואַכט,
און עס נעמט זיך בענקען נאָך דעם אַמאָל.

מענטשן גרויזאַמע

מענטשן גרויזאַמע פון אַ וועלט אַ שלעכטער,
מיט אויגן וואָס שפּריצן מיט האַס און סם,
מיט פייער און שווערד באַצוווּנגען דעם גערעכטן,
האָבן פאַרכאַפּט אַ וועלט מיט פייער און פלאַם.

לויפן מענטשן־קינדער ווי צעשראָקענע פייגל,
קיין פרייער ווילן, אוים מיט אייגענע פאַרלאַנגען,
אַלץ ווערט מיט שרעק דערדריקט און באַצוווּנגען,
די לופט איז פאַרסמט מיט באַפעלן־קלאַנגען.

דורות וועלן גיין און דורות וועלן קומען,
דערציילן וועט מען פון גרויל און געוואַלד,
אַז געלעבט האָט אַ פאָלק מיט דראָט אַרומגענומען,
און אומגעקומען, ווי דורך חיות אין וואַלד.

דורות וועלן פאַרגיין און יוגנט וועט קומען,
ווי וועלן זיי קענען באַנעמען אונדזער טרויעריקן היינט?
צי וועלן זיי גלייבן דעם גרויל, וואָס האָט אַרומגענומען,
און זעקס מיליאָן זענען אומגעקומען דורכן פיינט?

די וועלט אין שטרייט

עס איז אַזוי שטיקנדיק הייס,
ניט אַרויסצוגיין אין גאַס,
עס ברענט דער אַספּאַלט,
עס איז גרויס דער האַס.

די וועלט אַרומגערינגט פון ווילדן פיינט,
דיין ברודער — ניט מער קיין ברודער.
צעאַקערט איז די ערד אין טרענטשעס,
עס פאַלט פון האַנט דער אַקער, דער רודער.

אַלץ דערדריקט ווערט מיט צוואַנג,
ראַקעטן שפּאַלטן די לופט פון אויבן,
מיט שטעכיקע דראָטן איז די וועלט געבונדן,
צעטראָטן ליגט דער מענטשלעכער גלויבן.

שטייען מיר, ווי פון בליץ פאַרבלענדט,
ווי אין פאַרצווייפלונג, קענען ניט שווימען.
ניט צו זינקען — שטרעקן מיר אויס די הענט,
און מען ראַנגלט זיך צו אַ טרוקענעם ברעג קומען.

וועלט און מענטש

די וועלט זעט אויס, ווי אַן אַריינפאָר־הויז,
עס ציען זיך רעלסן, אויף בערג און טאָלן,
די באַן האַסטיק יאָגט זיך פאָרויס,
פעלדער און דערפער, ווי פאַרן מאָלער צו מאָלן.

וואַגאָנעס זיך שלענגלען, זיך דרייען,
מיט, שנעלן געלאַף, פאָרויס און פאָרויס,
שניידט די לופט, ווי פון ווינט דער ווייען,
פּרעכטיקע לאַנדשאַפט, אַט געזען, אַט איז אויס.

מיטן רוישיקן קלאַנג, דאָס לעבן עס יאָגט,
דער לאָקאָמאָטיוו פייפט אויס זיין ניגון,
דאַכט זיך, זינגענדיק פאָרויס זיך טראָגט,
ווי ער וואָלט וועלן אַלע מיטפאָרער פאַרוויגן.

דער מענטש, יעדערער צו זיין וועג ווערט געפירט,
און וויל מיטן שנעלצוג גיכער דערפליען,
ביז ער ווערט אַ מידער גאָר איינגעוויגט,
און פילט ניט ווי די שטונדן זיך ציען.

און חלומט, אַז מיט פעסטן טראָט טוט ער גרייכן
אין טיפן חלל, פאַרנעמט זיך צו די ווייטן.
ער פליט ווי מיט רוישיקע עראָפּלאַנען אין די הויכן,
צו דעריאָגן די פאַרגאַנגענע צייטן.

שוועבן געדאַנקען

שטיל איז די גאַס, רואיק די הײם,
דער ערשטער שטערן איז אויפגעגאַנגען,
אין בײנאַכטיקן אוונט שוועבן געדאַנקען,
וועגן נאָענטע, וואָס זײנען אין קעמפּס געפאַנגען.

די הערסט ידיעות, וואָס קומען פון װײט,
אַז ברידער און שוועסטער און נאָענטע פרײנד,
רופן און בעטן צו ברענגען זײ הילף אין צײט,
װײל גרויזאַם און שלעכט איז דער פײנט.

די לבנה, װי אַן עדות, שײנט איצטער אַרום,
ברענגט אונדז גרוסן פון אַ פינצטערער צײט,
װי מען רײסט קינדער אַוועק פון מוטערס שוים,
צו טויט און פאַרניכטונג, אָן קאַמף און אָן שטרײט.

הייב אויף דעם קאָפּ

אין רויך ליגט פאַרכמאַרעט די וועלט,
דער רויטער מבול האָט דעם יחיד פאַרבלענדט,
געבונדן זיינען איצט ביים שקלאַף די הענט.

פולווער מיט אַש האָט די אויגן פאַרשאָטן,
דער פייער האָט אויך דעם בוים פאַרלענדט,
ווי פון ערדציטער זיינען צעפאַלן די ווענט.

דער וואַנדערער, וועמענס נעסט עס איז צעשטערט,
און מוז זיך טראָגן צו אַלע פרעמדע ברעגן,
און ניט זען דעם אייגענעם שטאַם אַנטקעגן.

ווען פון הרי־חושך פליסט אַ רויטער מבול,
איבער הויקערדיקע בערג און אָפּגרונטן טאָלן,
פאַר וואָס הערסטו ניט דעם רוף פון נביאָס קול?

פאַר וואָס קענסטו ניט צום גראָדן וועג דערגרייכן?
מיין פאַרפייניקטער ברודער, וואָס וואַנדערט אום,
ווען אונדזער ליכט פון מזרח באַשיינט רונד־אַרום.

הייב אויף דעם קאָפּ צו זונען־ליכט אין ווייט,
גרייך צו די קלאָרע בלויע הימלען פון נייער צייט,
און דערזען, ווי דער מענטש מיטן מדבר ווערן באַפרייט.

ווי גוט עס זיינען די מינוטן

ווי גוט עס זיינען די מינוטן און שעהען פון טאָג,
ווען צאַפּלדיק פריש, ווי די שפּראָצונג פון צווייט,
ווערט געקושט פון זון און ווינט יעדער טראָפּן פון רעגן,
און מענטש ווערט פריי ווי אַ פויגל פון שווערן געמיט.

ווען אַזוי פיל צופרידענע מאָמענטן האָסטו געפונען,
וואָס באַשיינען דעם וועג מיט ליכטיקע שטראַלן,
עס ווערן הערלעכע חלומות אין לבנה־נעכט געשפּונען,
שמייכלט דאַן דאָס לעבן ווי די זון אויף וואַסערפאַלן.

ווערט דיין וועלט אין רואיקע מאָמענטן באַפליגלט,
מיט ליכטיקע שטראַלן דיין נשמה באַשפּיגלט,
ווען אין ליכטיקן פרימאָרגן, אויפן בוים פייגעלעך זינגען,
פון צווייגל צו צווייגל זיי טאַנצן און שפּרינגען.

עס וועט קומען אַ צייט

דערציילן וועט מען דער יוגנט אַמאָל,
אין דער ווייטערער צייט,
אַז די געליטערטע קרבנות,
פון נאָענט און פון ווייט,
די וואָס האָבן געטראָגן ירושות
פון דורות און דורות,
זיינען אומגעקומען על קידוש השם,
אין די פינצטערע גזירות.

זיי וועלן קומען, רופן און וועקן,
און קלאַפּן אין אַלע טירן,
צו די גרוילן פון לאַגער צו לאַגער,
אַפילו ווען פאַרניכטעט, וועט מען זיי פירן,
דאָך מיטגיין וועט מוזן יעדער איינער.
און וועלן זיי ווייזן וואָס שטייען — עדות,
די פאַרבלוטיקטע שטיינער...

זיי זאָלן קענען פרעגן דער וועלט,
וווּ אייער יושר איז דאַן געווען?
צו פאַרשווייגן מערדערייען
און מאַכנדיק זיך ניט זען,
ווי מען פאַרפייניקט אַן אומשולדיק פאָלק,
צו רויבן האָב און גוטס אומזיסט.

און מען האָט פאַרוואַנדלט זייערע קערפּערס,
אין אַבאַזשורן, אין זייף און מיסט.
וווּ זיינען געווען די גאָטספאַרכטיקע?
די פרייידיקער אין יעדן לאַנד?

ווען מען האָט דעם מענטש אין גאָטס באַשאַף
געמאַכט צו שפּאָט און צו שאַנד!
פאַרשעמט וועט די וועלט דאַן ווערן,
פאַר איר פאַרקוקן און פאַרשוויינג.
אפשר וועט דער מענטשלעכער געוויסן,
דאַן זיך וועקן און שטייגן.
ווי אַמאָל האָט דער נביא געזאָגט:
אַז די צייט וועט נאָך קומען,
ווען מענטשן וועלן ניט מאָרדן, ניט שענדן,
און וועלן ווי חיות ניט ברומען...

ניו־יאָרק

ניו־יאָרק, דער אַריינפֿאָר־טויער פֿאַר מיליאָנען אונטערדריקטע,
אַנטלאָפֿענע פֿון לענדער, ווו פֿרייהייט איז אַ דערשטיקטע;
קאָלירן און ראַסן פֿון מזרח, מערב, דרום און צפֿון,
וואָס האָבן געזוכט ברויט און פֿרייהייט, פֿון הונגער אַנטלאָפֿן.

געבויט אַ שטאָט, מיט געביידעס וואָס גרייכן צום הימל,
פֿון אייזן, שטאָל און גראַניט, ווי אַ חלום אין דרימל.
אין די גאַסן, אין הייזער, פֿול מיט מענטשן ווי פֿליגן,
מען שטופּט זיך, מען יאָגט זיך אַ ביסל לופֿט צו קריגן.

גאַס־איין און גאַס־אויס, פֿול מיט שטורמיש געדראַנג,
פֿליען באָסעס מיט מענטשן, האַלטן זיך אָן אייזערנעם שטאַנג.
עס רוישט און עס טומלט, מענטשן פֿליען און לויפֿן,
מען איילט, זיך, מען יאָגט זיך, פֿון דער היץ צו אַנטלויפֿן.

די סאָבוויי אונטער דער ערד, גרייט די מענטשן־מאַסע איינשלינגען,
שלעפּט וואַגאָנעס מיט מענטשן, האַלט אין טרובען און קלינגען,
שטעלט זיך אָפּ פֿאַר אַ ווייל, מאַסן אַרויסגעוואָרפֿן און אַריינגעצויגן,
איידער מען קומט נאָך אַריין, איז ווידער געפֿלויגן.

אַרויס פֿון טונעל, דערזעסטו אַ טורעם אַ הויכן,
דיר דוכט זיך, אַז דער שפּיץ קען דעם הימל דערגרייכן,
ווילט זיך דיר זען ניו־יאָרק פֿון די הייכן אַרונטער,
שלעפּט דיך די הייב־מאַשין אַרויף, ווערסט לעבעדיק, מונטער.

זעסט מענטשן, ווי מוראַשקעס, קריכן אַהער און אַהין,
עס דוכט דיר אַז זיי דרייען זיך אַרום אָן אַ זין,
זיי גייען און פֿאַלן און הייבן זיך אויף,
אָן אַ סדר מען יאָגט זיך אַראָפּ און אַרויף.

מענטשלעכער מוח און כוח אין אַ טייוולשער שפּיל,
אין אייביקן געלאַף אָן אַ צוועק, אָן אַ ציל.
אייניקע לויפן און יאָגן זיך צו רוישיקע קוואַלן,
אַנדערע שוועבן אין וואָלקנס און אַנטוישטע זיי פאַלן.

אַ יונגער דור קומט אויף, און אַ דור פאַרגייט,
זומער ברענען די היצן, מיט קינדער די גאַסן פאַרשפּרייט,
דאָ הערט מען געוויין, מען פירט אַ טויטן אַרויס,
דאָ פירט מען אַ כלה צו דער חופה אין זעלבן הויז.

ניו־יאָרק, ניו־יאָרק, אַ שטאָט פון גרויסע פאַרלאַנגען,
פון לוקסוס און דלות, פון טרויער און געזאַנגען,
פון נויט און פון פּיין, און אַ לעבן פול מיט זאָרגן,
און פון רייכע הוליקעס וואָס דאַרפן ניט זאָרגן פאַרן מאָרגן.

מלחמה

עס ברענט די וועלט רונד אַרום,
עס הערשט דער טויט אומעטום,
עס פֿאַלן באָמבעס אויף טיר און טויער,
עס ווערט פֿאַרניכטעט, הויז און מויער,
דער הימל ברענט פֿלאַמיק רויט,
שפּריצן פֿלאַמען, שפּרייטן טויט,
ליגן הרוגים אויסגעשפּרייט.
ביימער פֿאַרברענט, פֿעלדער פֿאַרוויסט,
אין ביטערן קאַמף, מענטשלעך בלוט פֿליסט,
תבואה צעטראָטן, הייזער צעשאָסן,
מענטשלעכע לעבנס ווערן פֿאַרלאָשן.
קינדערלעך זוכן שוץ אין די גריבער,
צעשאָסן, פֿאַרניכטעט, די היימען די שטיבער,
די עלטערן ליגן ערגעץ ווו טויט,
אויף צעריסענע פֿעלדער קערפּערס פֿאַרשפּרייט.
פּרוכטבאַרע פֿעלדער אין גראָבנס צעשניטן,
מענטשלעכע לעבנס — פּריצייטיק פֿאַרשניטן,
טויט און פֿאַרוויסטונג הערשט אומעטום,
קיין סימן פֿון בוים, פֿון גראָז און פֿון בלום.
פֿרייט זיך דער טייוול, ער יאָגט זיך און קוועלט
עס גיט זיך אים איין צו שטערן אַ וועלט.
וואַנדערן מענטשן אויף אַלע וועגן,
זוכן זיך שוץ אויך ביי ימים-ברעגן,
באָמבעס עס פֿאַלן אויף אַלע שטעגן.
באַהאַלטן זיך מענטשן אין לעכער אין נאָרעס,
דערדריקט פֿון פּיין, פֿון שרעק און פֿון צרות,
און ניטאָ קיין שוץ קעגן מלאך המוות.

שטאָלענע פייגל פליען

אַסטראָנאוט הייבט זיך אויף צו הימלישע ספערן,
קרייזט די ערד רונד אַרום, צו זוכן נייעם באַשאַף,
נייעם לעבן, נייע וועלטן, נייע שטערן,
מען יאָגט איינער דעם צווייטן אין ווילדן געלאַף.

צו וואָס דער פאַרמעסט צו גרייכן די לבנה,
ווען ליכטיק און שיין קען זיין אונדזער פלאַנעט
צו וואָס שטערן די שטערן, זייער געטלעכן רו,
ווען אין מלחמה ווערן פאַרניכטעט מענטשן און שטעט.

פאַרגיב זשע, גאָטעניו, דעם זינדיקן מענטשן,
וואָס וויל צו דיין כסא הכבוד דערגרייכן.
אויסגעשעפּט דער כוח פון לויבן און בענטשן,
פאַרמעסט מען זיך מיט דיר צו אַלע הייכן.

באָדט זיך די זון

באָדט זיך די זון אין דעם טייכל,
פּליסקעט ווי אַ גאָלדיקער שטראַל,
שפּיגלט זיך די זון אין די שטראַלן
ווי אויף אַ רוישנדן וואַסערפאַל.

באַשיינט ווערן קוסט און ביימער,
מיט אַ פאַרביק גאָלדענעם שיכט,
אָט פאַרגייט זי און ווערט בלאַסער
עס פאַרגייט די זומער טאָג ליכט.

שווימט דאָרט אַ שיפל אין רוישנדן שטראָם,
וויגט זיך אין וואַסער אַ גאָלדענער טרוים,
שווימט מאַיעסטעטיש ביים ברעגיקן זוים,
ווערן ברעגעס די כוואַליעס און ברויזן מיט שוים.

ווערן אָפּגעקילט די הייסע שטראַלן,
בוים און גראָז ווערט באַגאָסן מיט טוי,
ראָזיק וויאָלעטן פאַרבן די וואָלקנס,
ווערט די זון הינטער בערג אַנטרונען אַזוי.

ווערט טונקעלער, גרוי בלוי דער הימל,
לאָזט אַ פרייען גאַנג פאַר דער לבנה-שיין,
פאַלט צו אַ קילער בין השמשות אָוונט,
פאַר דעם מידן געשטאַרקט צו זיין.

לעבנס כוואַליעס

איר ברויזיקע כוואַליעס,
אַלע שיפן וויגט איר אום,
שטאַרקע ווינטן זיי בלאָזן
און צעוואַרפן אַלץ אַרום.

ווערט דער מענטש געבויגן,
אין יאָך פון שווערער לאַסט,
ווערט דער מאַסט פאַרצויגן,
און נייער מוט עס ווערט געפאַסט.

עס קומט כמאַרנער פרימאָרגן,
און אויך זוניק וואַרעמע טעג,
דאַן ווערן לייכטער די זאָרגן,
ווען האָסט ליכטיק באַשיינט דיין וועג.

קינדהייט און עלטער

די קינדהייט ווערט פאַרשוווּנדן אין געאייל,
ווי פאַרשווומען דער פאַרגאַנגענער פרילינג,
יוגנט גייט אויף פלאַמיק היים פאַר אַ ווייל,
דערוואַרעמט, דערפרייט ווי מיט אַ זוניקן שטראַל.

קומט אָן דער האַרבסט מיט גרויען טוי,
און דאָס לעבן, מיט באַלאָדענע פליכטן,
עס יאָגט זיך, ביז טאָג פאַרגייט גרוי.
ווי די עלטער, ווערט דאָס לעבן לאַנגווייליק אַזוי.

שפּינען זיך פעדעם, פרילינג מיט ווינטער,
וועבן זיך חלומות פון אומעט און פרייד,
פון פאַרגאַנגענע טעג, שלאָפלאָזע נעכט,
יאָרן פון נחת און יאָרן פון לייד.

דער מענטש ציילט ניט די יאָרן, די טעג,
וואָס אין אייביקייט זיינען פאַרגאַנגען,
ווען אין גוטע מעשים געהייליקט זיין וועג —
וועט כוח ביישטיין צו דערפילן פאַרלאַנגען.

זון און שאָטן

רײַן און אויסגעוואַשן ליגט די שטאָט,
די לופט ווי די טײַערע פּאַרפֿיומען,
שמייכלט די זון אויף די מענטשן אַראָפּ.
עס באַגריסן אונדז האַרציק די בלומען.

שטיי איך אַנטציקט און פֿאַרכישופֿט
עס איז דאַכט זיך געלייטערט די וועלט,
דערהערן זיך סירענען, פֿליען עראָפּלאַנען
און די ליכטיקע זון ווערט פֿאַרשטעלט.

צי איז דאָס דער שונא וואָס וויל אונדז פֿאַרניכטן,
אַראָפּשיסן פֿייער אויף אונדזער געצעלט,
אָדער פֿליען אונדזערע העלדן אונדז צו באַשיצן,
און ברענגען הילף דער פֿאַרפּייניקטער וועלט?

אינהאלט

זייט

ישראל

מדינת ישראל 13
דער טרוים פון טויזנטער יאָרן 14
אין קאַמף האָסטו דיין לאַנד געווונען 15
ליכטיקע שטראַלן 16
דער וועג צו ישראל 17
עס האָט שוין דער שופר געבלאָזן 18
מוטיק באַגעגנט דעם שונא 19
דער חלום פון דורות 20
חלוצים 21
האָט דיין פוס דאָס לאַנד באַטראָטן 22
מיין חברס בריוו 23
האָט איר געהערט אַמאָל זאָגן 24
ווייט אין דעם מדבר 25
צום אַלט־נייעם לאַנד 27
ישראל 28
אַ געסעלע אין גבעתיים 29
ניט געזאָרגט 30
משק עינת 31

פאַר די קליינע קינדערס וועגן

שפּאַצירן קינדער 35
קינדער־וועלט 36
אין אַן אַפּרו־פּלאַץ 37
קינד און פעלד 38
אויף אַ שפּאַציר 39
וואַקאַציע־צייט 40
פאַר די קליינע קינדערס וועגן 41

שטראָם זשע, דו וואַסערל 43
מיר פאָרן אין קעמפּ 44
דערציילט האָט די באָבע אַ מעשה 45

יידישע ימים־טובים

ימים נוראים טעג 51
חנוכה 52
פורים אַמאָל 53
שבועות אין ישראל 54

האָפענונג

האַלט פעסט דעם קאָפּ 57
באַרג און טאָלןריידן שטום 58
עס גרינט דאָס פעלד 59
דער ים צעוויגט די שיף 60
אַ דאַנק פאַר דיין גענאַד 61
לעסינס וועג איז אונדזער וועג 62
ניט מיט יאוש 64
היטלעריזם 65
אונדזער שטאַם 67
ווי גערן איך וואָלט 68
פאַרלאָפענע יאָרן 69
נאָכן רעגן 70
זיך געלאָזט אויף שפּאַציר 71
ד'ער ראָזעווער באַגינען 72
שוימיקער אָקעאַן 73
וועבט זיך אַ פרילינג 74
אין באַגינען 75
דאַכט זיך ניט לאַנג 76
טרינק אויס די כוסע 77
עס בלאָזן פרייע ווינטן 78
די נאַכט 79
גאָטס וואָרט 80
אַ וועלט געבויט אַן מלחמה 81

איך וואָלט גערן געפלויגן 82
צו אַ פרייער וועלט 83
אין פרילינג 84
נייער מוט און נייער גלויבן 85

שטימונגען

* 89
אויפן לעבנס־וועג 90
בענקשאַפט 91
שוואַרצע וואָלקנס האָבן די זון פאַרשטעלט 92
טעג פון לעבן 93
דער מענטש 94
דעם דיכטערס אומרו 95
פאַרצווייפלונג 96
מיין פאָלק 97
שטימונגען 98
אַ טאָג איז פאַרגאַנגען 99
צייט־שטימונג 100
ביסט מיד היינט 101
מאָמענטן 102
באַזילבערטע לבנה־נאַכט 103
אַ גאַס רעגן 104
עס פאַרפליען די יאָרן 105
דאָס ליד 106

אָפּגעהאַקטע צווייגן

אַ געבעט פון אַ מאַמען 109
אַ פאַרשטערטער פסח 111
אַ מאַמעס טרערן 112
אין אָנדענק 113
יאָרצייט־טאָג 114
יאָרצייט־ליכט 115
אויף אייביק 116
ווייַ און ווינד 118

זייט

אונדזער לעבן

אונדזער נייע היים 121
אונדזער לעבן 122
צוזאַמען געגאַנגען 123
דו האָסט מיך אין מיין יוגנט געטראָפן 124
אין ליכטיקן אָנדענק פון מיין טאַטן 125
די מאַמע 126
דאָס יידישע וואָרט 127
שבת צו נאַכטס אין דער אַלטער היים 128

וועלט און מענטש

ליכט און שאָטן 131
וועמען אַרט עס 132
פאַלשע געטער 133
וועמענס שולד 134
פאַשיזם 135
אַ ווולקאַן 136
אַ הוריקאַן 137
דאָס לעבן אַליין 138
דאָס לעבן 139
מענטשן גרויזאַמע 140
די וועלט אין שטרייט 141
וועלט און מענטש 142
שוועבן געדאַנקען 143
הייב אויף דעם קאָפּ 144
ווי גוט עס זענען די מינוטן 145
עס וועט קומען אַ צייט 146
ניו־יאָרק 148
מלחמה 150
שטאָלענע פייגל פליען 151
באָדט זיך די זון 152
לעבנס־כוואַליעס 153
קינדהייט און עלטער 154
זון און שאָטן 155